STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06513

INTEGRALE YIDISHKAYT

A. Golomb

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. גאָלאָמב

אינטעגראַלע ייִדישקייט

(טעאָריע און פּראַקטיק)

●

אַרויסגעגעבן פון מחבר

תשכ"ב 1962

מעקסיקע

א. גאָלאָמב

אינטעגראַלע יידישקייט

פון מחבר

די דאָזיקע אַרבעט איז געשריבן און אַרויסגעגעבן אַן וואָסערע עס זאָלן ניט זיין שרייבערישע כוונות און אַמביציעס. עס איז אַ רעזולטאַט פון יאָרן טראַכטן, אַריינטראַכטן זיך, ספקות, זוכענישן, בענקען נאָך אַן ענטפער אויף מאַטערנדיקע אייביקע פראַגן.

עס איז אַ פרלאַנג צו פאָרמולירן און פורעמען אַ וועלטבאַנעם פון יידישקייט אין אונדזער צייט ווי ער האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט ביים מחבר. איך ווייס, אַז די זעלביקע פראַגן מאַטערן אויך אַנדערע יידן, אַלע יידן וואָס האָבן זוכה געווען צו דעם.

האַלט עס דער מחבר פאַר אַ הייליקן חוב צו פרובירן פאָרמולירן זיין ענטפער, אפשר וועט ער העלפן אויך אַנדערע יידן גאַנץ צו מאַכן דעם געדאַנקען־גאַנג אין אונדזער יידישקייט היינט, וואָס מיר ווייטאָקן אַלע אויף איר צעבראָכנקייט.

דערביי גלייבט דער מחבר אַז ער איז דאָ קיין זאַך ניט מחדש פון זיך, ער פילט אָפט אַ גליקזעליקייט צוליב דער זיכערקייט, אַז ער גייט אין די וועגן פון אונדזערע קדמונים, וואָס זיי האָבן אויפגעבויט און פעסטגעשטעלט די יסודות פון אונדזער אייביקער יידישקייט פאַר דער דער גאַנצער לאַנגער תלמודיש־שטעטלשער תקופה. וויל דער מחבר גלייבן אַז ער באַמיט זיך צו גיין אויף ענלעכע וועגן אין אונדזער נייער אורבאַניש־וועלטלעכער תקופה. יעדער תקופה מיט אירע פאָרמען פון דעם זעלביקן גאַנג אונדזערן דורך דער אייביקייט.

דער מחבר פילט אַז ער איז ווייט ניט איינזאַם, איז עס אפשר פאַר אים אַ זכות צו פאָרמולירן דעם געמיינזאַמען געדאַנק. הלוואי.

און דעריבער דערלויבט זיך דער מחבר צו בעטן אַלע לייענער, זיי זאָלן זיין אַזוי גוט און זיך אָפּרופן מיט אַלע זייערע מיינונגען, הסכמות און, פאַרקערט, מיט אַלע באַמערקונגען, אָפּפרעגונגען און אידעען, אפשר בעסערע און קלערערע. וועט אפשר די שריפט קענען דינען פאַר אַן אָנרעגונג און אַ התחלה פון אַ געמיינזאַמען גאַנג אין אונדזער יידישקייט. אפשר וועט די שריפט קענען העלפן צו דערנענטערן דעם שלום על ישראל, כאָטש דעם ריין אידעאָלאָגישן. שרייבט, זייט אַזוי גוט, אויף איינעם פון די אַדרעסן:

A. GOLOMB, Alpes 1030-5, México 10, D. F.
"SCHRIFTN", Viamonte 2534, Buenos Aires, Argentina.

736820

דער נאָמען —

דער אויסדרוק אינטעגראַלע יידישקייט איז געשאַפן געוואָרן פון אַ וואונדערבארן פוילישֿ־ארץ ישראל־ארגענטינישן יידן ר׳ צבי שווארץ ז״ל. דאָס וואָרט און זיין אינהאַלט זיינען ביי יידן לגמרי ניט פּאָפּולער, האָט מען געדאַרפט מוט פון געדאַנק אַזוינס צו שאַפן. מיר דאַכט זיך, אַז דער אויסדרוק „אינטעגראַל״ איז אין לאַטיין־אַמעריקע מער גאַנגבאַר, איז ער אַריבערגענומען געוואָרן אויך אַהער אויף דעם געביט פון יידישן דענקען. אַן אַנדער ייד, וואָס האָט מיט צענדליקער יאָרן צוריק אין טומל פון רעוואָלוציעס און יידישע מחלוקותן געחלומט וועגן עפּעס ענלעכס, האָט עס גערופן אין רוסלאַנד „גאַנצע יידישקייט״ און ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ לאָזונג „פון בית להם ביז קאַסרילעווקע״, וואָס קיינעם האָט עס ניט אימפּאָנירט. איז דער אויסדרוק „אינטעגראַלע יידישקייט״ אַ סך באַקוועמער און אָנגענומענער, און מיר וועלן זיך ביי אים האַלטן *).

וואָס מיינט עס?

בכלל גענומען וואָלט מען געדאַרפט מודה זיין, אַז מיר — דאָס יידישע פאָלק — זיינען שוין מער ניט קיין גאַנץ פאָלק אין נאָרמאַלן, געוויינלעכן זינען. מיר זיינען צעפאַלן און צעבראָקלט, צעשפּאָלטן און צעשאָטן אויף אָן אַ שיעור ריכטונגען און גרופּעס, פּאַרטייען און סובפּאַרטייען, אידעאָלאָגיעס און גלויבנס, שיטות און כיתות און אַלע באַמיען זיך אונטערצושטרייכן, אַז „מיר זיינען אַנדערש״. מיר לעבן אין אַלערליי לענדער, צווישן אַלערליי פעלקער. און אַלעמען מאַכן מיר נאָך. און צו אַלעמען ווילן מיר זיך צוגלייכן, און אַלעמענס שפּראַכן נעמען מיר איבער, און אַלעמענס מנהגים נעמען מיר איבער. קענען מיר שוין נישט זיין איינהייטלעך, עפּעס איינס, עפּעס גאַנצעס. און בפרט, אַז מיר האַלטן אין איין באַמיען זיך

---

*) אַ דאַנק דעם פרי אָסקאַר ראַבינאָוויטש פון ניו־יאָרק, וואָס האָט מיר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אין 1921 איז אַרויס אַ בוך פון ד״ר אַלפרעד נאָסיק מיטן נאָמען „אינטעגראַלעס יידנטום״ אין דייטש. דאָס בוך איז מיר צום באַדויערן אומבאַקאַנט.

צו שפּאַלטן און מיר וואַרפן כסדר אָפּ דאָס וואָס אַנדערע יידן האַלטן פאַר הייליק און טייער. קומט אויס אַז מיר זיינען אַלע נאָר טיילוויזע יידן. מיר שטאַמען טאַקע אַלע פון איין גאַנץ פאָלק, אָבער אַליין זיינען מיר איצט נאָר שטיקלעך־יידן, מיר האַלטן נאָר פון אַ טייל יידישקייט, מיר וואַרפן אָפּ אַ סך מער יידישקייט, וואָס גייט ניט אַריין אין דעם קליינעם פראַגמענט וואָס מיר האַלטן יאָ פון אים. איטלעכע גרופּע באַשטייט מער אויף דעם אָפּ־וואַרפן, אויף דעם אָפּזאָגן זיך פון אַלע איבעריקע טיילן יידישקייט. יעדער גרופּע גלייבט אין עפּעס און לייקנט אָפּ אַל דאָס איבעריקע. איז די „כפירה" (דאָס אָפּלייקענען) ביי אַלעמען מער און ברייטער איידער די „אמונה". און מיר זיינען דאָך עפּעס אַן אַלט פאָלק, און מיר האָבן יידישקייט געשאַפן אַ סך, איז פאַראַן פון וואָס אויסצוקלייבן.

קומט די אינטעגראַלע יידישקייט און וויל אַננעמען די גאַנצע יידיש־קייט, די יידישקייט פון אַלע ריכטונגען, פון אַלע דורות. פון אַלע תקופות, צונויפהעפטן די שטיקער, גאַנץ מאַכן אַלע שפּאַלטן. אינטעגראַלע יידיש־קייט גלייבט אין דער גאַנצקייט און אין המשכדיקייט פון איין יידישקייט, ווי אַ בוים איז איינער הגם ער האָט אַ סך צווייגן. ניט שפּאַלטן און נישט ברעקלען, ניט ברעכן און ניט טיילן, נאָר פאַרקערט — זוכן דעם אחד פון יידישקייט און שטרעבן צו אים. אינטעגראַלע יידישקייט איז אַ גלויבן, אַ אמונה אין אחדות יידישקייט, עס איז אַ גלויבן אין מאָניסטישקייט פון יידישקייט.

וואָס מיינט אמונה אין יידישקייט?

דער באַגריף אמונה האָט עטלעכע באַטייטן. על פּי רוב מיינט מען גלויבן — האַלטן אַז עס איז אמת. האָט אַ רעליגיע אַ געוויסע צאָל דאָג־מען און מען דאַרף זיי האַלטן פאַר אמת. זיינען אויך ביי יידן געווען עט־לעכע פּרואוון צו באַשטימען די דאָגמען פון יידישקייט. די באַקאַנטסטע זיינען די דרייצן עיקרים פון רמב"ם. מען קען אָבער ניט זאָגן אַז די טראַ־דיציע האָט שטאַרק געהאַלטן פון דאָגמאַטישער יידישקייט. יידישקייט איז געווען אַ סך פריער פאַר די פאָרמולירטע דאָגמען און יידישקייט בלייבט אויך מחוץ די דאָגמען. אַזאַ מין דאָגמאַטישע יידישקייט האָבן אויך פאַר־לאַנגט שפּינאָזע, אַנדערע פילאָסאָפן און אויך די משכילים. אָבער יידיש־קייט איז אַלע מאָל געווען און איז אַ סך ברייטער. עס וועט זיין אַ סך ריכטיקער צו זאָגן אַז יידישקייט איז אַ שטייגער פון לעבן, אַ סכום פירונ־גען, פאָרמען און נאָרמען אין לעבן, ווייל „אַזוי פירן זיך יידן". און עס פאַרשטייט זיך אַז די פאָרמען פון לעבן זיינען שוין פאַרבונדן מיט באַ־שטימטע פאָרמען פון דענקען און באַציאונגען צו מענטשן און וועלט.

אַ אמונה פון קרעדאָס קען זיינען אוניווערסאַל: עס קענען זיין פאַר־

שיידענע פעלקער מיט פאַרשיידענע קולטורן און שטייגערס און דאָך מיט איין רעליגיע. די דאָגמען פון דער רעליגיע האָבן גאָרניט צו טאָן מיט דעם שטייגער און מיט דער קולטור פון פאָלק. פאַר יידן איז עס אין גאַנצן אומ־מעגלעך — די רעליגיע איז אידענטיש מיט דער קולטור און דער שטייגער איז פאַרהייליקט ווי די רעליגיע. ווי האָט אַ פרומער ייד געזאָגט צו זיין אויפגעקלערטן זון: „צי עס איז דאָ אַ גאָט צי ניש, אָבער דאַוונען מינחה דאַרף מען". צי עס איז דאָ אָדער ניטאָ אַ גאָט — דאָס איז אַ דאָגמע, מינחה דאַוונען — דאָס איז שטייגער.

בנוגע צו דאָגמען איז פאַראַן בלויז איין מאָס: אמת אָדער ניט אמת, עס איז ניט שייך צו זאָגן מער אמת אָדער ווייניקער אמת. בנוגע צו יידיש־קייט קענען זיין גראַדואַציעס: מען קען זיין געטריי דעם טראַדיציאָנעלן שטייגער און מען קען זיין געטרייער און ווייניקער געטריי.

איז דער מהות פון יידישער אמונה — געטרייקייט, איבערגעגעבנ־קייט און ליבע צו יידישקייט. ניט אומזיסט פאַרמאָגט די יידישע רעליגיעזע פאָעזיע אַזוי פיל טערמינען פון מענטשלעכער ליבע, עס איז אַ מין ראָמאַן צווישן דער כנסת ישראל מיט דעם רבונו של עולם.

אָבער וואָס אַזוינס איז יידישקייט? — עס איז באַקאַנט דער טומל וואָס בן־גוריון האָט אַרויסגערופן מיט זיין אַנקעטע ווער איז אַ ייד, ביז ער האָט געדאַרפט די גאַנצע פראַגע ציען צוריק. דאָס איז געשען דערפאַר ווייל יעדער איינער האָט געוואָלט אידענטיפיצירן יידישקייט נאָר מיט זיין איי־גענער פאַרציאַלער יידישקייט און אויסשליסן אַלע אַנדערע עלעמענטן וואָס שטימען ניט מיט זיינע פאָרשטעלונגען און באַגריפן.

מיר וועלן אָבער אָננעמען אַז יידישקייט איז אַלץ אין לעבן, אין שטיי־גער, אין פירונג, אין דענקען און אין קולטור בכלל. אַלץ וואָס שיידט אָפּ דעם יידישן יחיד און דעם ציבור פון אַלע אַנדערע יחידים און ציבורים. אַל דאָס אייגנטימלעכס איז יידישקייט.

די אַלע יידישקייט־עלעמענטן קענען זיין מחמת דעם זיין אַ ייד און עס קענען זיין עלעמענטן צוליב יידישקייט. פאַראַן אייגנטימלעכקייטן אַנטראָ־פּאָלאָגישע: אין אויסזען, אין געבוי פון קערפּער, אין באַציאונג צו קראַנ־קייטן וכדומה. די ביאָלאָגישע אַנדערשקייטן פון יידן. זיי זיינען מחמת יידישקייט, מחמת דעם געהערן צו אַן אַלטער ראַסע, וואָס איז ריינער פון אַנדערע. זיי בלייבן אפילו ווען מען מאַכט אַ פּלאַסטישע אָפּעראַציע צו מאַכן די נאָז זאָל אויסזען שענער (לייען גויישער). מיט דער אַנטראָפּאָלאָ־גישער אַנדערשקייט זיינען פאַרבונדן אויך פּסיכישע און מאָראַלישע כאַ־ראַקטער־שטריכן (ניט אומזיסט גיט מען איבער אין נאָמען פון ראַטענוי, אַז אַ ייד איז דער וואָס האָט ניט ליב צו גיין אויף געיעג שיסן היות אין וואַלד).

צוליב יידישקייט זיינען אַלע עלעמענטן פון שטייגער און פון פירונג,

אין די פאָרמען פון לעבן, טראַדיציעס, עסנס, מנהגים אין וואָך און אין יום טוב וכדומה.

עס קען זיין אַ נאַטירלעכע יידישקייט. ווייל אַזוי פירט זיך די גאַנצע סביבה אַרום (אין אַ יידיש שטעטל, למשל). אָדער עס איז דער פאַקטאָר פון יראה — מורא פאַרן גיהנום וכדומה. פון יראה איז פאַראַן אַן איבערגאַנג צו אהבה. מען פירט זיך ווי אַ ייד, ווייל עס איז מיר ליב, איך האָב ליב צו זיין אַ ייד, עס איז ליב און טייער, אַזוי האָט זיך געפירט מיין באָבע, מיין זיידע... און די אהבה האָט מדרגות עס קען דערגיין ביז טייערקייט, ביז פאַרהייליקונג, ביז „געטלעכקייט". דאָס איז די העכסטע מדרגה פון טייערקייט און ליבע און דאָס מיינט האָבן אמונה אין יידישקייט.

היינט, אין דער אורבאַנישער תקופה, ווען עס איז נישטאָ קיין נאַטיר־לעכע יידישע פאַרזיכיקע סביבה, קען מען נישט זיין אַ ייד אָן אמונה, אָן אהבת ישראל, אָן ליבע צו יידישקייט, ווייל עס ציט מיך צו יידישן שטיי־גער און יידישע מנהגים און פירונגען.

אָט דער פאַקטאָר פון אהבת ישראל, צי ער איז דאָ אָדער נישט, זיין מדרגה שפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער גאַנצער געשיכטע פון אונדזער פאָלק. דאָ אָבער איז אונדז געגאַנגען נאָר אין דעפינירן דעם מהות פון אמונה אין יידישקייט, וואָס אַן איר איז איצט אין גאַנצן אוממעגלעך דער קיום פון אונדזער פאָלק: קיין באַזונדערע, ספּעציפישע יידישע סביבה איז ניטאָ (סיידן אין דער מדינת ישראל), אין די פרייע לענדער ווערט אַ גרוי־סער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אַבסאָרבירט אין דעם אַלגעמיי־נעם לאַנד־אַפּאַראַט, וואָס איז איינגעשטעלט לויט נאָרמען אין גאַנצן פרעמ־דע פון יידישע. דאָ איז גאָר שווער איינצוהיטן די יידישע אַנדערשקייט און פאַרזיכיקייט. כדי צו בלייבן אַ ייד אין אַזאַ ניטיידישער סביבה פאָ־דערט זיך אַ סך אָנגעשטרענגטקייט, אַ סך מוט און ווילן. און אויך דע־מאָלט מוז זיך די יידישקייט באַגרעניצן צו די היימען בלויז. און אויך דאָ קען בלויז די אמונה געבן די נויטיקע מוט און ענערגיע, נאָר אהבת ישראל. דאָס איז דער וועג פון יידישקייט.

כדי צו זיין אַ ייד אין די היינטיקע צייטן, ווען דער גאַנצער אַרום איז אַ פרעמדער, ווען יעדער ייד באַזונדער איז אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן פאַרבונדן מיט דער ניטיידישער וועלט, ווען קינדער לערנען נאָר לשם קאַ־ריער, און די קאַריער איז אַלע מאָל פאַרבונדן מיט פרעמדער שפּראַך און מיט פרעמדער קולטור, — אין אַזאַ אַטמאָספער קענען בלייבן דורות יידן נאָר ביי אַ שטאַרקן עקשנותדיקן ווילן: אָט אַזוי פיר איך זיך, ווייל איך וויל זיין אַ ייד, ווייל איך האָב עס ליב, ווייל עס איז מיר טייער, ווייל איך וויל זיך אָנשטרענגען מיט אַלע כוחות איינצוהיטן מיין ליבע יידישקייט...

איז דווקא דאָ די צרה: וואו נעמט מען אַזאַ שטאַרקן ווילן און אַזאַ געטרייע ליבע צו יידישקייט? וואו איז זי דאָ? ביי וועמען? ביי וואָסערע יידן? אַזאַ געטרייקייט, אַזאַ איבערגעגעבנקייט צו יידישקייט איז ביי היינ־

טיקע צייטן ניט בנמצא, — אז אַלע ריכטונגען אין יידישקייט שטרעבן גאָר צום פּאַרקערטן — צו פאַרמינערן זייער יידישקייט ביז צום סאַמע מי־נימום, ביז צום לעצטן צובונד־פעדימל וואָס אים״וויל מען ניט איבעררייסן.

רעליגיעזע יידישקייט

ווי עס איז באַקאַנט האָט זיך אונדזער רעליגיע צעברעקלט אויף עט־לעכע ריכטונגען. פאַר די רעפאָרמער איז זייער גאַנצע רעליגיע, זייער גאָ־רע יידישקייט רעדוצירט צו באַשטימטע פאָרמען פון סינאַגאָגע־ריטואַל און מער נישט. לויט דער אידעאָלאָגיע: לעולם זיינען מיר אַמעריקאַנער (אָדער דייטשן, אָדער פראַנצויזן. עס ווענדט זיך לויט דעם לאַנד וואו מען לעבט) נאָר מיר דאַווענען אַנדערש ווי אַנדערע. היות עס זיינען פאַראַן אַמע־ריקאַנער קאַטאָליקן און פּראָטעסטאַנטן, מעגן אויך זיין אַמעריקאַנער, וואָס האָבן אַ דריטע פאָרעם פון געבעטהויז. צו יידישקייט אין ברייטערן זינען האָט די שיטה קיין שייכות נישט.

מערקווירדיק איז די פירונג פון דער אָרטאָדאָקסיע ביי אונדז, צווישן זיי זיינען דאָך פאַראַן גאַנץ ברייטע קרייזן וואָס זיינען באמת געטריי צו יידישקייט, וואָס זייער יידישקייט קאָסט זיי גאַנץ אַ סך, וואָס זיינען שומרי שבת ביי אַלע שוועריקייטן אין אונדזער היינטיקער אורבאַנישער תקופה. און דאָך רעדוצירן זיי אויך די יידישקייט, אויך זיי נעמען אָן נאָר די יידישקייט שבכתב, נאָר דאָס וואָס עס פאַרשריבן, פאַרפיקסירט ווי רעלי־גיע, וואָס דער שולחן ערוך זאָגט, נאָר דאָס וואָס דער רבונו של עולם צאָלט פאַר דעם. אויך זיי זיינען מבטל אַלע ספּעציפישע עלעמענטן וואָס זיינען אינטים פאַרבונדן מיט יידישקייט, אָבער זיי זיינען ניטאָ אין שולחן ערוך. דער בולטסטער ביישפּיל איז די באַציאונג פון אונדזער אָרטאָדאָק־סיע צו יידיש־לשון. אויך פאַר זיי וואָלט געקאָנט גילטן די פאָרמול, בלויז די רעליגיע איז אונדזער גאַנצע יידישקייט, בעת אין דער נאָר וואָס פאַר־ענדיקטער תקופה פון שטעטל וואָלט געגאָלטן אַ פאַרקערטע פאָרמול: אַלץ וואָס עס איז יידיש איז אונדזער רעליגיע.

אונדזער רעליגיע איז ביי אונדז געווען אידענטיש מיט יידישקייט, זי האָט אַריינגענומען אַלץ וואָס עס איז ספּעציפיש יידיש. ניט די דאָגמען האָבן דעצידירט, נאָר דער שטייגער מיט אַלע זיינע עלעמענטן. בכלל איז דאָך ריכטיק צו זאָגן, אַז אונדזער רעליגיע איז ניט געווען קיין טעאיסטי־שע, ניט קיין גאָט־רעליגיע נאָר אַ פאָלק־רעליגיע. אַלע עלעמענטן פון שטיי־גער און פון געדאַנק זיינען אַריין אין גדר פון תורה, און יידן האָבן ווי געהערט מפי הגבורה, פון גאָטס מויל „הלוואי אותי עזבו ואת תורתי שמרו״ — נישט גאָט מיט זיינע אַטריבוטן, מיט זיינע דרכים, נאָר די תורה־אַלץ וואָס איז ספּעציפיש יידיש אין מעשה און אין מחשבה פון יידן —

דאָס איז וויכטיק און דאָס איז הייליק. דאָס איז יידישקייט און אַל דאָס היטן מיר ווי אונדזער רעליגיע. יידיש לעבן איז די תורה, ישראל ואוריתא — יידישקייט און תורה איז איינס.

בעת די היינטיקע אָרטאָדאָקסיע, וואָס וויל גילטן פאַר די „שומרי החו־מות" טוט און פירט זיך פונקט פאַרקערט און זי אַנערקענט בלויז דאָס פיקסירטע און נאָר דאָס פאַרשריבענע און מער נישט. אַזוי אַרום איז אונדזער אָרטאָדאָקסיע היינט ענלעך צו די צדוקים פון אַמאָל: יענע מיט דער תורה שבכתב פון יענע צייטן און זיי האָבן אָפּגעוואָרפן אַל דאָס וואָס איז אַנגעוואַקסן אין פאָלק הן אין פירונג און הן אין אידעען און געדאַנ־קען, אַזוי אויך אונדזערע היינטיקע אָרטאָדאָקסן. זיי נעמען אויך אָן נאָר דאָס וואָס עס איז איצט פיקסירט בכתב און זיי אַנערקענען ניט אַל דאָס וואָס עס איז אַנגעוואַקסן אין יידישקייט נאָך דער פיקסירונג פון שולחן ערוך.

די אָרטאָדאָקסן האַלטן זיך פאַר די אמתע היטער פון יידישקייט. איז עס גאַנץ מעגלעך אַז אויך די צדוקים האָבן זיך געהאַלטן און זיך גערופן נישט צדוקים נאָר צדיקים (רנ"ק אין מנבה"ז). אַזוי אַרום האָט אפילו ביי די אָרטאָדאָקסן די רעליגיע אויפגעהערט צו זיין אידענטיש מיט יידישקייט בכלל, עס קען אויסזען מאָדנע אַ ביסל, אָבער פאַקטיש איז ריכטיק וואָס מיר האָבן געשריבן פריער, אַז ביי אַלע אונדזערע ריכטונגען איז די כפירה (דאָס אָפּוואַרפן) מער ווי די אמונה, ווי דאָס וואָס מען נעמט אָן. אין דער פריערדיקער שטעטלשער תקופה האָבן מיר בכלל ניט געהאַט דעם טערמין רעליגיע מען האָט גערעדט און געדענקט נאָר וועגן יידישקייט (יהדות, יאַדעס, יאַנדעס). איצט ערשט האָבן מיר גענומען ריידן וועגן רעליגיע און די אָרטאָדאָקסן ווילן אידענטיפיצירן גאָר די יידישקייט בלויז מיט דער רע־ליגיע, מיט דער פיקסירטער, פאַרשריבענער רעליגיע (רעליגיע שבכתב).

אַזוי אַרום קען ביי היינטיקן טאָג קיין שום רעליגיעזע ריכטונג נישט אויפהאַלטן יידישקייט. ווייל יידישקייט איז אַ קולטור־שטייגער וואָס איז אַ סך ברייטער פון רעליגיע ווי אַלע היינטיקע ריכטונגען פאַרשטייען דעם טערמין.

וועלטלעכע יידישקייט

אויך וועלטלעכע יידישקייט איז אַ סך שמעלער און דעקט נישט דעם באַגריף יידישקייט אין זיין גאַנצקייט. די וועלטלעכע האַלטן זיך פאַר אמתע יידן, אָפט אפילו ביז נאַציאָנאַלער פרומקייט און געטרייקייט, איבערגעגעבנ־קייט. אָבער זיי לייקענען אַלץ וואָס איז ביי יידן רעליגיעז פאַרהייליקייט געוואָרן. זיינען די וועלטלעכע יידן ווידער כופרים — זיי לייקענען גאָר דאָס רעליגיעזע ביי אונדז. און וואָס איז ביי אונדז פון די עלטערע דורות ניט

פארהייליקט? במילא קומט אוים אז די וועלטלעכע יידישקייט רייסט זיך אָפּ פון די וואָרצלען. האָבן מיר פאַר זיך די אַלטע מעשה פון גמרא וועגן א יידן וואָס האָט געהאַט צוויי ווייבער. איינע אַן אַלטע און די צווייטע אַ יונגע — די אַלטע רייסט ביי אים אוים די שוואַרצע האָר און די יונגע רייסט אוים די גרויע, און ער בלייבט אַ פּליך פון ביידערליי האָר. די פּרו־מע האַלטן פון דעם עץ ציים — דעם בוים פון יידישקייט, אָבער אָן נייע צווייגן, אָן נייע בלעטער, און די וועלטלעכע ווידער באַמיען זיך דעם בוים פון יידישקייט אָפּצורייסן פון זיינע וואָרצלען. בלייבט שוין יידישקייט ניט קיין עץ חיים, נישט קיין לעבעדיקער בוים.

די וועלטלעכע יידן נעמען אויף יידישקייט בערך אַזוי ווי די משכילים — דאָגמען, פּרינציפּן — אדרבא ואדרבא, אָבער קיין יידישער שטייגער וואָס זאָל פאַרפליכטן טאָג איין און טאָג אוים — דאָס איז נישטאָ. אָבער יידיש־קייט אָן אַ פאַרזיכיקן שטייגער איז דאָך אוממעגלעך. גייט עס ביי די וועלט־לעכע אַ כסדרדיקער פּראָצעס פון אויסיידישונג, דאָס איז ניט קיין אַסימי־לאַציע, ווייל אָט די לעצטע איז אַ פּאַמעלעכער, דויערנדיקער פּראָצעס, וואָס ציט זיך דורך דורות גאַנצע. עס איז זייער שווער איינצואייגענען פרעמדע קולטור, עס איז נישט קיין ביכער אויסלערנען, נישט קיין שפּראַכן ריידן, עס איז זיך אַריינלעבן אין אַ פרעמדער פּסיכאָלאָגיע! עס איז נישט עפּעס וואָס מען מאַכט נאָך. און נאָך שווערער זיך אַרויסצוטאָן פון אייגענער דורותדיקער פּסיכיק און קולטור, וואָס בלייבן לעבן אפילו ווען מען פאַר־לירט שוין דעם גאַנצן באַוואוסטזיניקן צובונד צו אָט די פאַרגאַנגענע דו־רות. פּרימיטיווער גלויבן אין גלגול נשמות איז גאָרנישט אַזוי אוים ווען ווי מען קען עס מיינען.

עס איז גאָר נישט גרינג צו פאַרדייען אין זיך אַ קולטור פון אַ פרעמדן פאָלק, אַריינגעמען אין זיך זיין גאַנצע קולטור שבכתב, און — נאָך מערער — זיין קולטור שבעל פה — דאָס אינטימע, פאָלקישע וואָס אין יעדער פאָלק. מען קען אַלץ אפשר אויסשטודירן. אָבער פון אויסלערנען ביז אַריינלעבן זיך איז נאָך זייער אַ וווייטער מהלך.

און פון דעם ווידער איז נאָך גאָר ווייט ביז זיך אַסימילירן, ביז אַסימילירט צו ווערן אין אַ פרעמדן פאָלק אַריין, ביז אַליין זיך צו פאַר־וואַנדלען אין אַ שטיקל ברויט אין אַ פרעמדן מאַגן.

און עס איז גאָרנישט פון די גרינגע זאַכן אין אונדזער היינטיקער אורבאַנישער צייט צו זיין אַ ייד נישט נאָר מיט איבערצייגונגען, נאָר אויך מיט אַ יידישן שטייגער: לעבן צווישן נישט יידן, האַנדלען און וואַנדלען אַ גאַנצן טאָג מיט זיי און דאָך זיך פירן אַנדערש, ניט ווי זיי, קומען אַהיים און גלייך בייטן די שפּראַך, אַלץ. דערצו דאַרף מען אַ גרויסע אָנשטרענ־גונג, מען דאַרף־כוח און מוט. און דאָס קען געבן בלויז אַ גלויבן, מען דאַרף פאַרעקשנט גלייבן אין יידישקייט און עס באמת ליב האָבן. און אַזאַ גלויבן איז ביי די וועלטלעכע נישטאָ. בכן זיינען אויך די וועלטלעכע

יידן ביי זייער גאַנצער־און אפילו אויפריכטיקער ליבע צו יידישער ליטע־ראַטור דאָך אויפן וועג צו אַסימילאַציע, צו אַסימילאַציע איז מען נאָך ווייט, אָבער צו אויסיידישונג איז מען שוין גאָר נאָנט. און די אויסיידישונג איז דאָך פּאַרט דער פּראָלאָג פון אַסימילאַציע וואָס וועט קומען אין אַ שפּעטערדיקן דור. זיינען די וועלטלעכע יידן נענטער צו אַסימילאַציע ווי די רעליגיעזע: ביי די לעצטע איז דאָך יאָ פאַראַן אַ שטיינער, וואָס די וועלטלעכע האָבן נישט.

הצד השווה — וואָס אַלע ריכטונגען אין יידנטום — אַלע זיינען מער שוללים, אײדער גלויבער, מער אָפּוואַרפער אײדער אָננעמער. עס זיינען, דאַכט זיך, נישטאָ אַזוינע שטאַרקע נעגירער פון יידישקייט ווי עס זיינען יידן אַליין.

און דער צווייטער סימן איז אונדזער צעברעקלטקייט, צעבראָכנקייט: לויט לענדער און לויט קלאַסן, לויט פּאַרטייען און לויט רעליגיעס. און איטלעכע ריכטונג צעפּאַלט זיך ווידער אויף סובריכטונגען און סובפּאַרטייען ביז דער אוממעגלעכקייט. איין ציון איז דאָ, און וויפל ציוניזמען האָבן מיר? און די „אהבת ישראל” צווישן אַנאַנד — אך און ווי!

אָט וועל איך נעמען: דעם בעסטן פון די יידישע ישובים אין דער וועלט — דעם ישוב אין דער אייגענער מדינת ישראל. דאָס איז דאָך דאָס איינציקע ווינקעלע אויף דער וואָלט וואו יידן פורעמען און נאָרמירן אַליין זייער לעבן, כטוב בעיניהם — ווי ער איז גוט און ווי עס איז בעסער פאַר די גויטן און באַדערפענישן פון יידישקייט. און דאָך!

וויפל יידישקייט האָבן מיר דאָרטן? גאָט מיינער! די נטורי קרתא פון איין זייט. זיי לייקענען לגמרי אַלץ, אפילו די עצם מדינה דאַרפן זיי ניט, ווילן זיי נישט, אָט האָט דאָך איינער פון זיי זיך געלאָזט גיין צו די אַראַבער — ביי יענע וועט אים זיין בעסער אײדער אין דער „ציוניסטישער מדינה”. און מאַכט זיי נישט אַוועק מיט דער האַנט — זיי זיינען אַ כוח. און פון דער צווייטער זייט קומען די כנענים. זיי זיינען דאָך זיכער כופר בכל, זיי וואַרפן אָפּ און דאַרפן נישט גאָר קיין יידישקייט. זיי זיינען ניט קיין יידן, — כנענים זיינען זיי און אויף כפרות אייער גאַנצע יידישקייט. און מאַכט זיי ניט אַוועק מיט דער האַנט — זיי זיינען אַ כוח מיט אַ טענדענץ זיך צו פאַרמערן און צו שטאַרקן. און צווישן די צוויי עקסטרעמע עקן האָבן מיר ווידער אַ גאַנצע גאַמע פון שיטות און שאַטירונגען. זיינען פאַראַן תנכיסטן: די איינציקע ווערטפולע יידישע קולטור־שאַפונג איז לויט זיי נאָר דער תנך. אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן אין קולטור פון שפּעטערדיקע תקופות איז גאָר נישט ווערט, נאַרישקייטן(!) האָט עס אָנגערופן גאָר אַ וויכטיקע פערזאָן אין אַ רעדע. קומען אַנדערע און זיי אַנערקענען נאָר דעם תלמוד און זיינע מפרשים און ניט מער. קומען ווידער אַנדערע און זיי האַלטן נאָר פון דער קולטור וואָס האָט זיך געשאַפן שפּעטער און אומאָפּהענגיק פון תלמוד (כלומרשט ניט אָפּהענגיק. אין דער אמתן האָט דער

תלמוד אויך דאָ געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה). און אויך די שפּאַלטן זיך ווייטער: די מעקן אויס פון אונדזער קולטור־אינווענטאַר אַלץ וואָס עס איז געשריבן געוואָרן אין יידיש און יענע זאָגן זיך אָפּ און זיי „דאַרפן נישט״ אַלץ וואָס עס איז געשריבן אין העברעאיש... די ווילן אַ שבת ווי די על־טער־זיידעס אין די שטעטלעך האָבן געהאַט, אַז נישט איז עס חילול שבת און יענע האַלטן פאַר אַ מצווה צו שטעכן יענע די אויגן. די האַלטן פאַר אַ גרויסן פּראָגרעס צו האָדעווען חזירים אין ארץ ישראל, ווארום אַלע יידי־שע טראַדיציעס זיינען דאָך נישט מער ווי זאַבאַבאָנעס...

האַלטן די פאַר אַ מצווה גדולה צו פאָרן אום שבת דווקא פאַרביי דער גרויסער שול אין תל־אביב, קומען די קעגנער און דרשענען „עת לעשות״ — מעג מען לכבוד שבת וואַרפן שטיינער און שפּאַלטן קעפּ, און ברעכן שויבן — אַלץ לכבוד דעם הייליקן שבת!

און ווער קען פאַרגעסן ביז היינט די מלחמת מצווה קעגן יידיש לשון! פּרטים זיינען איבעריק דאָ... און באַנייען די גרויסאַרטיקע טראַדיציע פון ניקאָליי דעם ערשטן פון צוכאַפּן קינדער פון די מאַמעס — אַלץ לכבוד התורה;

וואָלט מען געקאָנט גיין אַזוי און אויסרעכענען נאָך און נאָך פאַקטן פון אָט דער גרויסער „אהבת ישראל״ אונדזערער בלשון סגי נהור. אָבער עס איז צו טרויעריק. דער עיקר: גייט און זעט וויפל יידישקייטן מיר פאַר־מאָגן און ווי ווייט זיי זיינען איינע פון דער צווייטער.

אינטעגראַלע יידישקייט

און אָט דאָ קומט די אידעאָלאָגיע פון אינטעגראַלער יידישקייט און זי לערנט אונדז: עס איז נאָך עוד לא אבדה תקותנו, עוד לא נתקה השרשרת! מען קען נאָך גאַנץ מאַכן אונדזער צעבראָכנקייט און צונויפקלעפּן די צע־שאָטענע שטיקער אירע. טאַקע „פון בית לחם ביז קאַסרילעווקע״. און איצט, מיט עטלעכע און פערציק יאָר שפּעטער ווי אָט דער לאָזונג איז דאָס ערש־טע מאָל געדרוקט געווען, וואָלט דער מחבר געוואָלט צוגעבן״ פון בית לחם און נאָך פריער און ביז קאַסרילעווקע און נאָך שפּעטער״. דער תנך איז אוודאי אונדזער אוצר, אָבער גאָט זאָל אונדז פאַרט אויסהיטן פון האַלטן בלויז פון תנך! שוין אין די צייטן פון תלמוד האָבן בפירוש קלוגע יידן, טאַקע חכמים, געזאָגט אַז גאָט האָט זיין אייביקייט־בונד מיטן יידישן פאָלק ניט באַזירט אויף דעם תנך (תורה שבכתב־שטיט) נאָר דווקא אויף דער שטיינערישער יידישקייט, אויף דער תורה שבעל פה. און זיי זיינען געווען גערעכט! והא ראיה — אַ וועלט מיט פעלקער האַלטן שטאַרק פון תנך, — און... און גאָט זאָל ראַטעווען דאָס פאָלק פון תנך פון די הענט פון יענע תנך־האַלטער...

איך בין ניט קיין סוחר מיט יידישקייט און איך באַשטים נישט קיין פּרייזן וואָס איז מער ווערט — דער תנך צי דער תלמוד אָבער איך ווייס און עס איז מיין טיפסטע אמונה, אַז מיר האָבן איבערגעלעבט און מיר האָבן ווי אַ פאָלק דערלעבט ביז צום היינט אין זכות פון תלמוד, ריכטיקער נישט אין זכות פון דעם ספר נאָר אין זכות פון דעם תלמוד תורה, פון דעם לימוד התלמוד. דאָס איז אויך דער זכות פון תלמוד וואָס ער איז געברענט געוואָרן באַגלייך מיט זיינע היטער, מיט יידן. איין גורל. „שאלי שרופה באש" — ווען האָט עס געמיינט דער טראַגיש ליידנדיקער מחבר? ער האָט געמיינט די ספרי התלמוד, אָבער מיט די זעלביקע רעכט האָט דאָך פאַרדינט אָט דעם טראַגישן טיטול אויך די אומה וואָס האָט דעם תלמוד געהיט און מער ווי דעם תנך. און מער ווי די יידן האָבן געהיט און אַנטוויקלט דעם תלמוד האָט דער תלמוד געהיט און אַנטוויקלט דאָס פאָלק. די ברענער אונדזערע האָבן אונדז געברענט מיט דעם תנך אין זייערע הענט, און יידן זיינען געגאַנגען צו די עקדות מיט דעם תלמוד צוזאַמען.

אָבער ווי וואָלט אונדז געווען ווען מיר שטעלן זיך אָפּ ביים ים התל־מוד מיט אַלע „נושאי כלים זיינע". און ווי און ווינד איז טאַקע געשען צו די יידישע שבטים וואָס זיינען ווייטער נישט געגאַנגען, און קיין ווייטערדיקע קולטור ניט געשאַפן. און אַ אינטעגראַלער ייד איז גרייט צו שווערן ביי גאָר אַלע אונדזערע הייליקייטן, אַז „כל מה שתלמיד וותיק עתיד לחדש אַלץ וואָס עס וועט נאָך געשאַפן ווערן אין יידישקייט, אין גייסט פון יידישקייט, אַלץ דאָס איז פאַר אים הייליק בקדושת העם, ווי יענע אונ־דזערע פאַרגייערס האָבן דאָס גערופן — ניתנה למשה מסיני.

און אויב יידישע פשוטע ווייבער האָבן גערופן אויף יידיש צום „אוי ווי, טאַטע הארציקער", איז דאָס לשון קודש און ווען יידן האָבן גייענדיק צו די קאַלכאויוונס געשריען שמע ישראל, — איז עס קודש. און אַז אַ פרומער ייד לייגט אַריין זיין האַרץ אין ווערטער פון נתנה תוקף (ליטעראַריש זייער שוואַך), איז עס הייליק בקדושת העם, און אַז „עמך־שער און אייזן" האָט געזונגען: „דו וועסט זיין מיין כלה און איך דיין חתן, און עס וועט זיין שמחה ששון" איז עס ווידער קודש, נישט ווייניקער קודש ווי... שיר השירים. און די קדושה קומט נישט פון דעם אָדער יענעם באַרג סיני, נאָר ווייל זיי זיינען ביידע כלים פון דעם פאָלקס נשמה, און אויב מען פאַרמאָגט אהבת ישראל זיינען זיי ביידע הייליק. אַז מען האָט ליב דעם ווייַן, היט מען די פלאַש.

מיר טאָרן קיין מאָל ניט פאַרגעסן, אַז ביי אונדז יידן קומט קדושה ניט פון הימל נאָר פון מענטשן און פון זייער גייסט, פון זייער נשמה, יידן גיבן צו די קדושה צו זאַכן און צו מעשים, יידן האָבן הייליק געמאַכט אַ עיר היבוסי און זי געמאַכט אַ ירושלים עיר הקודש. און דאָס זעלביקע לאַנד האָט געקאָנט זיין ארץ הקדושה און עס האָט געקאָנט ווערן אַ „ותבואו ותטמאו את ארצי". דער מקור פון קדושה איז תמיד נאָר אין פאָלק, נאָר

אין מענטשן, אין זייערע הערצער, אין די געפילן און אין זייערע מעשים. דאָס האָבן אונדז געלערנט נאָך די נביאים, און שפּעטער נאָך האָבן אונ־דזערע הכמי התלמוד געהייסן דעם ערשטן יידן נעמען אַ האַק און צע־ברעכן אַלע פאַרגעטערטע זאַכן, אַלע געטער. נישט ווייל זיי זיינען געצן, נאָר ווייל עס טאָר ביי יידן נישט זיין קיין הייליקע מאַטעריע, קיין זאַכן וואָס זיינען הייליק פון זיך, ווייל גאָט האָט זיי געמאַכט פאַר הייליק. גאָט אַליין ווערט ביי יידן הייליק דורך די מעשים פון יידן, ווי עס שטייט „והאל הקדוש נקדש בצדקה״. יידן זיינען הייליק, ווייל וקדשנו במצוותיו און ער איז אויך דורך דעם הייליק.

אָט דאָס איז דער זינען און דער תוך פון דעם באַגריף אינטעגראַלע יידישקייט. ווייניק זיינען די אָנהענגער, קנאַפּ זיינען די וואָס ווילן פאַר־שטיין. אָבער... דער אמת איז גאָר זעלטן מיט די גרויסע מאַסן. אין אי־דעען איז לגמרי ניט גילטיק דער כלל אַז הלכה כרבים און נאָך אליהו — דער ערשטער געטרייסטער קעמפער פאַר גאַנצער יידישקייט — האָט גע־וואוסט אַז דער אמת ליגט אין דעם קול דממה דקה.

איז דער באַגריף אינטעגראַלע יידישקייט אַ סך הכול פון אַלץ וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געשאַפן אין משך פון זיין געשיכטע. אַלע שאַפונגען, אַלע אידעען פון אברהם אבינו און ביז אונדז און נאָך אונדז עד סוף כל הדורות; אַלע שטייגער־פאָרמען און אויסדרוקן, — אַלץ וואָס שטאַמט פון פאָלק און אַלץ וואָס עס איז פאָלקיש — דאָס אַלץ איז דעם אינטעגראַלן יידן ליב און טייער. איין תנאי — עס דאַרף זיין אין יידישן גייסט, נישט קיין נאָכגעמאַכטע קאָפּיעס.

מעכאַנישע אָדער אָרגאַנישע אינטעגראַלקייט

ווען מען מישט צונויף צוקער מיט זאַלץ צוזאַמען איז עס אַ מעכאַניש געמיש; ווען מען לאָזט אריין אין אַ פלאַש אין דער ריכטיקער פּראָפּאָרץ וואַסערשטאָף און זויערשטאָף, איז עס נאָך אַלץ ניט קיין וואַסער, נייערט צוויי באַזונדערע גאַזן, וואָס זייערע מאָלעקולן זיינען לגמרי נישט פאַרבונדן. דאָס זעלביקע וועט זיין ווען מען מישט צונויף אייזן־פּולווער מיט שוועבל־פּולווער. איז עס אַ געמיש. דאָס אייזן בלייבט מיט זיינע אייגנשאַפטן און דאָס שוועבל — מיט זיינע. דאָס זיינען אַלץ מעכאַנישע געמישן.

ווען אָבער מען זאָל אָנוואַרעמען דעם אייזן־שוועבל־געמיש. אָדער מען זאָל שטאַרק דערהיצן דעם געמיש פון די צוויי אויבן דערמאָנטע גאַזן וואַ־סערשטאָף מיט זויערשטאָף, דעמאָלט פאַרבינדן זיך די שטאָפן אין דעם געמיש און עס ווערט אַ כעמישע פאַרבינדונג, אַ נייע שטאָף — פון די צוויי גאַזן וועט ווערן וואַסער, פון די צוויי פּולווערס ווערט אַ נייע שטאָף שוועבלאייזן מיט גאָר נייע אייגנשאַפטן.

עד כאן דער משל. און איצט צו אונדזער נמשל.

עס קען זיין א אידעע פון אינטעגראלער יידישקייט אויף א ריין מעכאַנישן שטייגער: אלה ואלה דברי עס חי און געגוג. דער וועלטבאנעם פון תלמוד איז הימלווייט פון דעם תנכישן און ביידע זיינען נישט אין גאנצן באהעפט מיט דעם מורה נבוכים, און דער שולחן ערוך איז עפעס אנדערש פון דער אַנגענומענער יידישקייט אין דער צייט פון דוד המלך. „פושט צורה און לובש צורה" האבן אויף דעם געזאגט אונדזערע חכמים וואס זיינען טאקע געווען די אמתע חכמים און יידישקייט־פילאסאפן. קען מען יוצא זיין מיט אזא מין מעכאנישער אינטעגראלקייט פון אלע יידישקייטן פון אלע דורות, פון אלע שפראכן און אלע מינים אידעען און געדאנקען. און מען איז דערמיט יוצא — כל ישראל איז דער טייטש אלע יידישקייטן און איטלעכע פון זיי איז אנדערש פון דער צווייטער, אבער — אלע צוזאַמען זיינען שאפונגען פון יידישן פאלק, קינדער פון אונדזערע פאלק און זיינע לערערס.

דאס איז די ערשטע מדרגה פון אינטעגראלער יידישקייט. עס איז אבער פאראן א העכערע מדרגה — די אָרגאנישע אינטעגראלקייט, וואס איז נעגליכן ניט צו מעכאנישן געמיש נייערט צו א כעמישער פארבינדונג. מיר וועלן נעמען א דוגמא. מען דארף ניט מער ווי דער תלמוד האט איבערגעקערט דעם וועלטבאנעם פון תנך מיט דעם קאפ ארויף... מען האט גענומען דעם באגריף גאט, דעם רבונו של עולם אליין און מען האט אים געמאכט משעובד צו דער תורה, נישט נאר דארף ער שאפן זיין וועלט לויט די פלענער פון דער תורה, נאר ער דארף במחילה מכבודו אליין זיך זעצן לערנען. האבן זיי אויך געמאכט צו נישט דעם כוהן גדול און איבער אים געשטעלט דעם תלמיד חכם און נאך און נאך שטארקע אפווייכונגען און ענדערונגען. אבער זיי האבן נישט געמאכט קיין רעוואלט קעגן דער תורת משה. אמת, זיי האבן נישט איין מאל זיך ארויסגעזאגט אז זי איז מינדערווערטיקער איידער זייער יידישקייט. אבער זיי האבן זייערע אלע אידעען, אפילו תחית המתים וואס איז לגמרי נישטא אין תנך אריינגעבונדן, פארקניפט מיט דער תורת משה. זיך באמיט צו שאפן איין ארגאנישע פארבינדונג.

איז חיוי הבלכי געדעכנט געווארן פאר אן אפיקורס. א יוצא מן הכלל. ווייל ער האט נישט געוואלט, ניט געקאנט ארגאניש פארבינדן זיין אידעען וועלט מיט דער טראדיציע פון פריער. זיינען אבער די אפט גאנץ הארבע געדאנקען פון אברהם אבן עזרא געדרוקט צוזאמען מיט די זעלביקע חומשים. ער האט געקאנט (און געוואלט) ארגאניש פארבינדן און ער האט געקאנט מקיים זיין דעם „והיו לבשר אחד".

אנומלט איז מיר אויסגעקומען צו לייענען אין אן ארטיקל פון א רב, אז ער שרייבט זיין ארטיקל ניט ווי א רב, נאר ווי א וועלטלעכער געלערנטער. האט עס מיך איבערגעשראקן: ווי קענען אין איין הארץ לעבן צוויי

אמתן? צוויי ליבעס און צוויי געטרייקייטן? מיר זיינען פון אייביק אָן דאָס פאָלק פון "אחד", און אָט דער מאָניזם איז אונדז מחייב נישט בלויז בנו־גע צו גאָט, נאָר בנוגע צו אונדזער גאַנצן וועלטבאַנעם. יעדער דואַליזם איז פאַר אונדז שעדלעך. מיר באַקעמפן אים פון דער צייט פון גלות בבל אָן.

נאָך ווייניקער קען פאַר אונדז גילטן דער „פּלוראַליסטישער מאָניזם" (אויב מען קען אַזוי זאָגן) פון דער מעכאַנישער אינטעגראַלער יידישקייט. עס איז דאָך פּאַרט אומענדלעך ווייט פון דער אָרטאָדאָקסישער רעליגיעז־קייט ווי די אָרטאָדאָקסן ווילן עס באַנעמען ביז דער וועלטלעכער קולטור און וועלטבאַנעם. און אַזוי מיט אַלע אַנדערע אונדזער שיטות. איז עס דען ריכטיק צונויפצונעמען אַלע אין איין פּילפּאַרביק און פאַרשיידנאַרטיק גע־וועב און זאָגן, אַז אַלע זיינען גוט. דערמאָנט עס נישט דעם אַלטן כעלע־מער רב. וואָס גיט גערעכט ביידע בעלי דין, און זאָגט דער ווייב אַז זי איז אויך גערעכט?

און דערפאַר איז באַרעכטיקט אַ פאַרלאַנג צו זוכן די יסודות וואָס זאָלן קענען פאַרבינדן אַלע עלעמענטן אין איין איינהייטלעכן געוועב און גאַנצ־קייט, עס זאָלן ניט זיין קיין סתירות. עס דאַרף אַ וועלטלעכער מענטש וואָס האָט יאָ זיין אמונה אין יידישקייט און ער גלייבט ניט אין דער מאַטע־ריעלער עקסיסטענץ פון גיהנום און גן עדן דאָך קענען אויפנעמען די באַ־גריפן וואָס האָבן געהאַט (און האָבן!) אַזאַ גרויסע ראָל אין אונדזער גע־שיכטע און ער קען עס אויסטייטשן עס זאָל דאָ נישט זיין קיין סתירה צו זיין וועלטלעכקייט. עס דאַרף געזוכט ווערן אַ בריק צווישן דער שטאַרק קאָמפּליצירטער קבלה און ראַציאָנאַליזם אין יידישקייט. אַזוי אַרום דאַרף אינטעגראַלע יידישקייט ווערן אַ סיסטעם אויסצוטייטשן, צו אַסימילירן אַלע ריכטונגען אין איין גייסט.

איך וויל זיך דאָ דערלויבן צו מאַכן אַזאַ פּרוּואו. איך וויל דערפירן די יסודות פון אינטעגראַלקייט צו עטלעכע פּרינציפּן:

פּרינציפּן פון אָרגאַנישער אינטעגראַלקייט

א).—פּרינציפּ פון גלייכוווערטיקייט. אַלע מנהגים הן די אַלטע, פּאַר־צייטיקע, און הן די נייע וואָס זיינען איינגעפירט לשם יידישקייט, — אַלע זיי זיינען גלייכוווערטיק און גלייך הייליק. מצה און בר מצווה, למשל.

ווידער. אַלע שאַפונגען אין יידישקייט און מיט דער אמונה אין יידיש־קייט זיינען אויך גלייכוווערטיק און גלייך הייליק. אַ אינטעגראַלער ייד טאָר ניט זאָגן „דער ספר איז הייליק און יענער ניט. „למשל איוב איז יע הייליק און טביה דער מילכיקער — נישט. שיר השירים אין יאָ הייליק און „די גאָלדענע קייט" — נישט.

מיר גייען דאָ אין גייסט פון די פּאַרצייטיקע אונדזערע פּירער און לע־

רער אין אייביקער יידישקייט. כ'מיין דאָ — די פּרושים און חכמי התלמוד, וואָס זיי האָבן געלערנט, אַז יפתח בדורו בשמואל בדורו, מיר הזרן איבער וואָס זיי האָבן געזאָגט, אַז „כל מה שתלמיד וותיק לערנט און איז מחדש, איז נתנה למשה מסיני". מיר ווילן נאָר צוגעבן אַז דאָס וואָס זיי האָבן אין דעם זינען מחדש געווען איז שייך ניט בלויז צו זייערע תקופות און זייערע שאַפונגען, נאָר עס איז גילטיק עד סוף כל הדורות.

דער פּרינציפּ דערלויבט ניט צו זאָגן: דער ספר איז פון גאָט און יענער — נישט. ער דערלאָזט ניט דעם געדאַנק פון טיילווייזער קדושה. יאָ, עס קען זיין רעליגיעזע קדושה, וואָס רוט נאָר אויף גאָר אַלטע מנהגים און ספרים. עס איז אָבער פאַראַן אַ צווייטע קדושה — די נאַציאָנאַלע קדושה וואָס פאַרהייליקט אַלץ וואָס איז יידיש און וואָס איז לשם ולשמה פון יידישקייט. דער פּרינציפּ באַמיט זיך — ווי די פּרושים בשעתם — אויסצו־טייטשן דעם מעמד הר סיני, ווי אַן אייביקן פּראָצעס אין יידישקייט, וואָס האָט זיך ניט איבערגעריסן און וואָס טאָר זיך ניט איבעררייסן. חייב אדם, — זאָגט נאָך די גמרא, יעדער ייד אין יעדער דור און אין אַלע דורות מוז זיך זען ווי ער שטייט אויפן באַרג סיני, און איז מקבל תורה, אויך נייע תורה איז תורה. פאַרקערט גאָר: אַ דור, אַ תקופה, אַ יידישער ישוב וואו עס שאַפן זיך ניט קיין נייע אוצרות גייסטיקע ווערטן, וואו עס האָט זיך איבערגעריסן דער פּראָצעס פון מעמד הר סיני, איז שוין מער נישט לעבעדיק. אַ בוים, כל זמן ער לעבט ברענגט ער בלומען און פּרוכט, אַ יידישער קיבוץ כל זמן עס שאַפן זיך אין אים גייסטיקע פּרוכט, לעבט. אויס מיט שאַפונגען, אויס מיט נייער קולטור, אויס מיט מעמד הר סיני, איז אויס מיט יידישקייט, אויס מיט יידיש לעבן... שטייט אַ בוים נאַקעט, אָן בלעטער, בליט ניט און פּרוכטיקט ניט, — ער שטייט, אָבער ער איז שוין טויט. אַזוינע ישובים זיינען ביי אונדז ניט קיין נייעס, געווען און עס זיי־נען דאָ אַזוינע. דער אויסדרוק „דור, דור ודורשיו" איז אין גמרא, מיר דאַרפן צוגעבן „דור — דור ודרשותיו".

דאָס איז דער פּרינציפּ פון די אַמאָליקע פּרושים אָנגעווענדט היינט אין אונדזערע היינטיקע טעג און אין אונדזערע היינטיקע באַדינגונגען.

עס איז אָבער פאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד צווישן די אַמאָליקע צדוקים און פּרושים און די היינטיקע. די פאַרצייטיקע פּרושים האָבן פרום געגלויבט אין זייערע נייע תורות, געגלויבט און געקעמפט פאַר זיי, זיי דערהייבן ביז די הייכן פון באַרג סיני. מיר — די היינטיקע פּרושים — זיינען זייער קאַלט צו אונדזערע היינט־נייע תורות און מיר האָבן אַליין נישט קיין שטאַרקע אמונה אין זיי. און פאַרקערט, זיינען די היינטיקע צדוקים — אָט די אַלע כופרים, וואָס לייקענען די נאַציאָנאַלע קדושה פון די היינטיקע שאַפונגען, זיי זיינען אַ סך שטאַרקער, זיי האָבן מער אמונה, און זיי פירן די גרענדעס ביי יידן. די אָנהענגער פון אינטעגראַלער יידישקייט מוזן אָבער גלייבן באמונה שלמה אין דעם פּרינציפּ פון גלייכווערטיקייט.

ב) פרינציפּ פון אַקטואַליזאַציע

מיר זיינען זייער אַן אַלט פאָלק. אַלע „אַלטע" קולטור־פעלקער פון דער וועלט זיינען געגאַנגען ביי אונדז אין חדר (אַן אַנדער פראַגע וואָס זיי האָבן געמאַכט פון אונדזער חדר). פון די פעלקער וואָס האָבן באַגלייט אונדזער קינדהייט און יוגנט איז קיינער נישט געבליבן. אָט דער נס פון אונדזער „נצח ישראל" איז געשען אַ דאַנק אונדזער פרינציפּ פון אַקטואַ־ליזאַציע וואָס הערשט פון תלמוד אָן אין אונדזער קולטור. ווען מיר דאָ ברייטער דערקלערן דעם עצם מהות פון אָט דעם פרינציפּ.

ביי אַלע אַנדערע פעלקער איז אָנגענומען ביים לערנען די קולטור פון די פריערדיקע דורות און תקופות זיך צו באַמיען פעסטצושטעלן די גע־נויע צייט, אָרט און באַדינגונגען ווען די שאַפונג איז געשאַפן געוואָרן. מען באַמיט זיך אַריינצושטעלן יעדער קולטור־שאַפונג אין דער ראַם פון צייט און אָרט. די גאַנצע קולטור־געשיכטע איז אָפּגעגעבן אויף דעם.

פונקט דאָס פאַרקערטע האָבן געטאָן די יידן. למשל: אברהם אבינו איז געגנוי באַשריבן אין חומש. אָבער די בעלי התלמוד האָבן אים זיך פאַרגע־שטעלט אַנדערש, — ווי אַ חשובן יידן פון זייער צייט. אוודאי שיקט אַזאַ געהויבענער ייד זיין זון אין אַ ישיבה לערנען. זיכער איז ר' אברהם אבינו מקיים אַלע מצוות אפילו עירוב תבשילין (אַ גמרא). ווי קען זיך דען אַנ־דערש פירן אַזאַ ייד? און אַזוי האָבן זיי גענומען דעם שטרענגען און קאַמ־פּראָמיסלאָזן אליהו הנביא פון תנך און אים געזען גאָר אַנדערש, ווי דער "זכור לטוב". אין זייער צייט (און ווייטער) איז נישט געווען קיין אָרט פאַר דעם תנכישן אליהו. עס איז נויטיק געווען אַן אַנדער אליהו. קעמפן פאַר יידישקייט — זיכער! אַלע מאָל דאַרף מען קעמפן פאַר יידישקייט קעגן אַלע אַסימילאַציעס. אָבער שוין ניט מער מיט פייער, נישט קעגן בעל... יידן אין זייער צייט זיינען סיי ווי געווען געטריי, נאָר צרות און פיין האָבן זיי געליטן פאַר זייער יידישקייט, האָבן זיי פאַרוואַנדלט דעם תנכישן אליהו אין אַ מין „שפּאַלער זיידן" (פּרצעס) וואָס העלפט טראָגן דעם יאָך פון יידישקייט, העלפט אַריבערטראָגן אַלע צרות וואָס די „בעל־יורשים" טוען אָן אליהוס געטרייע נאָכפאָלגערס... און אָט דער אליהו טאַקע באַגלייט אונ־דזער גאַנצע געשיכטע און יעדער יידן באַזונדער פון געבוירן אָן און ביז יציאת נשמה.

האָבן זיי גענומען דעם באַליבטן אין תנך גאַנץ ברוטאַלן מלחמה־העלד דוד המלך און אים אַוועקגעזעצט זאָגן און זינגען תהלים, אַוועקגעזעצט פסקענען שאלות... וואָס אַ מלך? אין זייער צייט פון דער מלוכה־דעקאַ־דאַנס, פון אומבאַליבטע מלכים, האָבן זיי געזען דעם קיום פון יידישן פאָלק ניט אין מלכים, און נישט אין מלוכות. מען דאַרף תורה, שמידן תורה, בויען, היטן. טאָ זאָל דאָס טאָן דער באַליבטער מלך אויך. זאָל ער זיין אַקטועל נויטיק אין זייער צייט און זיי העלפן...

און זיי האָבן ניט געפּעלשט, חלילה, ניט „געשפּילט זיך מיט די בערד פון די אבות". זיי האָבן אַנדערש ניט געקאָנט גלייבן: זייער יידישקייט פון זייער צייט איז דאָך געווען זייער מסירת נפשדיקער גלויבן, האָבן זיי נאָר אין זייער גייסט, אין גייסט פון זייער צייט און פון זייער באַנעמען יידישקייט געקאָנט באַנעמען די גאַנצע יידישע געשיכטע און אַלע אירע העלדן.

כדי דער היינט זאָל זיין געקניפּט און געבונדן מיט אַלע פריערדיקע נעכטנס, דאַרפן זיי — די נעכטנס אַלע — זיין פאַרטייטשט, זיין אַקטועל און אַקטיוו אין היינט, זיי דאַרפן זיין אַנטיילנעמער אין דעם היינט. מוזן די אבות און משה און רחל אמנו מיטגיין מיט די יידן אין גלות, אין אַלע גלותן, און דער „זכור לטוב" (אליהו) מיט זיי, דאַרף אַ ייד פאַרבעטן די אַלע ניט נאָר אין סוכה אַריין ווי געסט („אושפּיזין" קדישין) נאָר אַ גאַנץ לעבן, אומעטום, און רב אליהו מעג קומען לערנען תורה מיט יידן וואָס פאַרדינען דאָס (גילוי אליהו!).

די פּורים־שפּילער האָבן עס געמאַכט כלומרשט אין אַ וויץ. זיי האָבן ניט באַנומען דעם טיפן ערנסט וואָס עס ליגט אין דעם. איציק מאַנגער האָט זיך אינטואיטיוו געלאָזט אויף די זעלביקע דרכים (חומש־לידער, מגילה־לידער). אָבער אונדזער טראַדיציע האָט עס גענומען ערנסט ווי דאָס אמתע תורת חיים. מיר האָבן נישט געלערנט קיין געשיכטע כדי צו וויסן „ווי עס האָבן געלעבט יידן אַמאָל", ניט געזוכט קלאָר צו מאַכן דעם „היס־טאָרישן אמת" (אויב אַזאַ איז בכלל פאַראַן). אונדזערע אבות האָבן פאַר־קערט געזוכט איינצושפּאַנען די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט אין אָט דעם שווערן וואָגן פון זייער איצט, פון זייער אַקטועלן היינט. ווער עס האָט געדאַרפט געשיכטע כדי צו געבן די אויסדערוויילטע פרייע בירגער אַ גייסטיקן פאַר־גניגן (די גריכן) און ווער עס האָט געדאַרפט איינשפּאַנען אַלע העלדן, די גאַנצע געשיכטע צו העלפן דעם גאַנצן פאָלק לעבן היינט.

און עס איז אינטערעסאַנט דער כוח פון אמונה: עס האָבן דאָך די חכמי התלמוד טיף געגלויבט, אַז זייערע אַקטועלע פאָרשטעלונגען וועגן די אבות זיינען די ריכטיקע. זיי האָבן געזען די גדולי האומה פון תנך דורך זייערע ברילן, דורך די באַגריפן פון זייער צייט און זייער וועלט־באַנעם. זיי האָבן זיך לגמרי ניט געקימערט וועגן דעם „היסטאָרישן אמת" (עפּעס וועגן דעם שרייבט אויך רב צעיר אין זיין „תולדות ההלכה" שער האמונה, ז' 71) די וועלט בוקט זיך צום „היסטאָרישן אמת". זאָל זי זיין געבענטשט דערפאַר, גאַנצע וויסנשאַפטן ווי אַרכעאָלאָגיע און נאָך נוצט מען דאָ. אָבער די וועלט — געזונט און ערלעך זאָל זי זיין — דאַרף ניט זאָרגן פאַר איר קיום (אָדער אַנדערש זאָרגן). איז פאַר איר די געשיכטע אַ פּראָדוקט פון עץ הדעת נאָר. מיר אָבער האָבן מער ווי אַ העלפט פון אונדזער געשיכטע געלעבט (און לעבן) אין גלותן, אונדזער קולטור־אויפ־גאָבע איז ניט סתם וויסן, נאָר קיום. די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט באַמיען

מיר זיך איינצושפּאַנען אין די אַקטועלע פּראָבלעמען פון קיום פון יעדער דור. פאַר אונדז איז עס ניט קיין ענין פון עץ הדעת נאָר פון עץ החיים. און מיר האָבן דעם קיום פון פאָלק געבויט ניט אויף מאַטעריעס, ניט אויף לענדער, נאָר אויף פירונג, אויף גייסטיקע יסודות. דאַרפן מיר נישט קיין וויסן און וויסנשאַפטן נאָר תורה, תורת חיים, כי „היא חיינו ואורך ימינו", עץ חיים היא למחזיקים בה. איז דער וויסנשאַפטלעכער דוד המלך פאַרגעסן געוואָרן, און עס איז געבליבן דער תורהדיקער דוד, וואָס העלפט די יידן זיך האַלטן אין דער וועלט ניט געקוקט אויף אַלע צרות, און ער איז מיט זיי צוזאַמען טאַקע „חי וקים", מיט אים איז דעם פאָלק גרינגער געוואָרן צו בלייבן חי וקים. און נאָך מער איז עס מיט אונדזער גוטן און ליבן אַלטיטשקן „עלי נאַווי" (אליהו הנביא)... אַ, וויפל כוח און מוט ער האָט געגעבן און גיט דעם פאָלק אויסצוהאַלטן דעם גלות און איינצוהאַלטן דעם קיום פון פאָלק!!!

די וועלט האָט געשאַפן וויסנשאַפטן, מיר האָבן געשאַפן תורה, פאַר וויסנשאַפט האָבן מיר גאָר ניט געהאַט קיין וואַרט אפילו ביז דעם מיטל־אַלטער. תורה דאַרף ווירקן אויף דער נשמה, אויף דעם געמיט, אויף דעם אויפפיר פון מענטשן. וויסנשאַפט האָט דעם ציל נאָר צו באַרייכן דעם סכום וויסן פון מענטשן, ניט מער. די נשמה קען בלייבן קאַלט. תורה דאַרף שאַפן לעבן, וויסנשאַפט בלייבט פון דרויסן. און דערפאַר איז ביי יידן פאַראַן דער באַגריף פון „ספרים חיצוניים" דרויסנדיקע ספרים, לערנונגען אַזוינע וואָס בלייבן מחוץ דער נשמה פון מענטשן. דערפאַר זוכט די וויסנשאַפטלעכע געשיכטע דעם אמת פון אַמאָל, דערפאַר זוכט פאַרקערט די תורהדיקע געשיכטע צו קאָנצענטרירן אַלץ אויף דעם היינט ווי אין אַ פאָקוס. אויב וויסנשאַפט איז חיצוניות, איז תורה פנימיות, און אַזוי האָט אונדזער פאָלק געלערנט ביז אונדז. אוודאי איז וויכטיק די קאַריער, און מען מוז לערנען צוליב דער קאַריער. אָבער פריער ווי די קאַריער פון דעם מענטשן קומט דער מענטש אַליין. און כדי דער מענטש, דער טרעגער פון דער קאַריער זאָל זיין אַ מענטש, דאַרף ער האָבן אַ תורהדיקע צוגרייטונג.

דאָס איז דער טיפער זינען פון אונדזער אַקטואַליזאַציע. איך ווייס ניט צי עס איז ביי אונדזערע חכמים געווען ריין אינטויטיוו, אָדער זיי האָבן דאָס באַוואוסטזיניק אַזוי געהאַנדלט אַזוי געפירט, בכל אופן איז ביי זיי געווען אַ שטאַרקער קיום־אינסטינקט און ער האָט זיי אָריינגעגעבן די אינטואיציע. איך באַוואונדער באמת זייער חכמה וואָס איז געקוואָלן פון די טיפע קיום־אינסטינקטן זייערע.

און פונקט אַזוי אַקטואַליזירנדיק זיינען זיי זיך באַגאַנגען מיט דעם העכסטן שבהעכסטן באַגריף — מיט דעם גאָט־באַגריף. ווי ווייט עס איז באמת פון ד' איש מלחמה ביז "ברוך המקום"! האָבן זיי טאַקע דאָך אויך דעם רבונו של עולם אַליין אויך אָוועקגעזעצט לערנען די תורה, טאַקע צוזאַמען מיט זיינע יידן. קען ער די וועלט נישט באַשאַפן סיידן ער קוקט

אין דער תורה, און ער פאָלגט! אַ ברירה האָט ער? און זיי האָבן נישט געלאָזן זוכן פאַר דעם גאָט־באַגריף קיין פעסטע אַטריבוטן כדי ער זאָל בלייבן תמיד אין צושטאַנד פון ענדערלעכקייט. אין „סטאַטו נאַסצענדי" ווי כעמיקער זאָגן דאָס. און טאַקע האָבן יידן זיך נישט אָפּגעשטעלט אין זייער פילאָסאָפישן אינטערפּרעטירן דעם באַגריף. האָט די קבלה זיך דערלויבט אַריינצופירן אין יידישקייט אַ מין יאָ פּאַנטעיזם־ניט־פּאַנטעיזם אַ צייט נאָך פאַר ספּינאָזן (הלל צייטלין „בפרדס החסידות והקבלה זז' 15, 18 און איבערהויפּט 207 און ווייטער). נאָך אין גמרא איז פאַראַן (למשל — ברכות י' א') אַז גאָט איז די נשמה פון דער וועלט, ריכטיקער אַז די וועלט איז בלויז דער קערפּערלעכער לבוש פון גאָט, ווי דער גוף איז דער לבוש פון דער נשמה.

איז דאָ טאַקע דער גרונטיקער אונטערשייד פון ספּינאָזעס באַגריף און דעם קבלהשן: דער ערשטער מיינט אַז גאָט איז אין דער וועלט, בעת די תלמודיסטן האָבן געלערנט „כי הוא מקומו של עולם ואין העולם מקומו". זיי האָבן זיך אפילו דערלויבט אַנדערש צו טייטשן דעם זאַץ, אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט אַ „יש מאַין". אַין (חיריק יוד) מיינט אין העבראַיש גאָרניט. גאָט האָט באַשאַפן די וועלט פון גאָרניט. האָבן די בעלי קבלה געטייטשט דאָס וואָרט אַין ווי דאָס יאָ פאַראַנענע אָבער עס איז אומבאַגרייפלעך פאַר אונדזערע הושים, עס איז פאַרעמלאָז און מיר קענען עס נישט באַנעמען דערפאַר. (צייטלינס ציטירט ווערק 11, 21, 211), ווייל דער יש איז בלויז דער לבוש פון דעם אַין. די גאַנצע וועלט איז בלויז אַ צמצום פון געטלעכקייט. דעם קבלהשן באַגריף פון צמצום דאַרף מען פאַרשטיין נישט אין זינען פון רוים, גאָט האָט כלומרשט געשאַפן אָרט פאַר דער וועלט, נאָר מען דאַרף דעם צמצום באַנעמען אין זינען פון כמות, ווי דאָס ליכט פון אַ לאָמפּ איז אַ צמצום, לאָמיר זאָגן, פון דער זון...

ווי ווייט איז דאָס אַלץ, ווי הויך די אַלע פילאָסאָפישע באַגריפן זייַנען פון די תנכישע פאָרשטעלונגען און באַגריפן! און דאָך איז עס איינס, ווייל זיי האָבן זיך דערלויבט אויסצוטייטשן אַלע יידישע ספרים און תורות אין זייער אַקטועלקייט, ווי זיי האָבן דאָס פאַרשטאַנען אין זייערע צייטן. עס איז דערגאַנגען ביז צו דעם זאָג, אַז דער וואָס טייטשט אויס אַ פסוק ווי עס איז זיין אויסזען, דער איז אַ פלוידערער (בדאי) (קדושין מט'א) און מען האָט געטייטשט און „געדרייט" דעם פסוק אהין און אהער. מען איז דערגאַנגען ביז צו זאָגן, אַז אָפט דאַרף מען מבטל זיין אַ תורה (פון חומש) כדי צו באַפעסטיקן זי (מנחות צט'א) און „וויכטיקער איז די רייד פון סופרים פון די רייד פון דער תורה" (סנהדרין פח'ב), און „די רייד פון די סופרים זיינען ליבער פון די רייד פון דער תורה" (ירושלמי ברכות פ"א, הלכה ד'), און גאָט האָט ניט געמאַכט קיין בונד מיט די יידן נאָר צוליב די זאַכן פון שטיינער (דברים שבעל פה. גיטין ס'ב,) דען די תורה קען מען איבערזעצן און מען קען זי היטן אויך אין גריכיש

(אין אַלע שפּראַכן) און אַלע פעלקער קענען זאָגן „מיר זיינען גאָטס פאָלק, — האָט דערפאַר גאָט אָנגעזאָגט אַלע פעלקער: נאָר די וואָס היטן אָפּ די ניט־פאַרשריבענע יידישקייט (עס מיינט דאָס פשוטע אַנדערשדיקע לעבן און שטייגער, מסתרין) נאָר זיי זיינען מיינע קינדער (אַ מדרש תנחומא) און לערנען נאָר דעם תנך איז גאָרניט אַזוי וויכטיק (מידה ואינה מידה. בבא מציעא לג׳א). די תורה גופא איז געגליכן צו רויע ווייץ־קערנער. ערשט די שפּעטערדיקע דרש און סתרי תורה זיינען געגליכן צו די גוטע, געשמאַ־קע געבעקסן (פון הקדמה צום זוהר). מען האָט געשריבן אין די צייטונגען אַז בן גוריון האָט איבערגעשראָקן די יידישע וועלט מיט אַ מאמר פון גמרא, אַז דער וואָס לעבט אין חוץ לאָרץ איז געגליכן ווי ער וואָלט ניט געהאַט קיין גאָט. ער האָט אָבער ניט דערמאָנט אַ צווייטע גמרא וואָס זאָגט, אַז דער וואָס לערנט נאָר די תורה שבכתב איז געגליכן ווי ער וואָלט נישט געהאַט קיין גאָט (עבודה זרה יז׳ב). און ווער נאָך זינדיקט אַזוי שטאַרק מיט דעם? מען איז דערגאַנגען ביז צו וואָרענען מען זאָל ניט לערנען צו פיל קיין תנך (ברכות כח׳ב)...

ווען מען זאָל אויסרעכענען אַלע ערטער וואו די שטייגערישע יידיש־קייט (שבעל פה) ווערט געשטעלט העכער פון דער פאַרשריבענער תורה (תנך) וואָלט קיין אָרט נישט געקלעקט.

און מען האָט געענדערט דעם זינען פון פסוקים. איז „עין תחת עין” גאָר געלט און ניט קיין אויג. גיט זיך אַ זאָג אַ ייד: ער האָט אויסגעלערנט דעם גאַנצן ש״ס און האָט גאָר ניט געוואוסט אַז מען דאַרף היטן דעם פשוטן פשט פון אַ פסוק (שבת סג׳א). און זינט דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן האָט ניט גאָט (דער יידישער גאָט *) נאָר די הלכה (שטיי־גער) און מיר גיבן צו, אַז די אגדה (די ליטעראַטור, די גייסטיקע שאַפונגען) איז אַ פּראָדוקט פון דער הלכה, פון שטייגער, די תורה שבכתב פון יעדער דור איז אַ תולדה פון דער תורה שבעל פה פון דעם דור, פון דער תקופה. (עטוואָס אַנדערש ווי ביאַליק האָט געלערנט אין זיין באַרימטן עסיי „הלכה ואגדה”).

און אַזוי איז געגאַנגען די גאַנצע יידישע טראַדיציע צו לערנען נישט בלויז דעם פשט, נאָר צו דרשענען און אַריינצודרשענען אין די ווערטער פון דער תורה דעם גאַנצן פּ, ר, ד,״ס (פשט, רמז, דרוש און סוד). אַלץ כדי צו אַקטואַליזירן, פאַרהיינטיקן די שאַפונגען פון פאַרצייטן, פון פריער־דיקע תקופות אין דער אַקטועלער צייט. ניט ברעכן, ניט אָפּוואַרפן „מיר האַלטן ניט פון דעם”, נאָר אַריינטייטשן דעם היינט אין דעם אַמאָל כדי דער אַמאָל זאָל העלפן דער יידישקייט פון היינט.

---

*) „דער אַלגעמיינער, כוללדיקער גייסט פון אַ פאָלק הייסט דער גאָט פון פאָלק אָדער (שפּעטער) — דער שר פון פאָלק”. רנ״ק אין „מורה נבוכי הזמן”. שער „גוי ואלוהיו”, ראַווידאָוויטש־אויסגאַבע לזי).

און אזוי איז געגאַנגען די טראַדיציע ווייטער דורך דער גאַנצער גע־שיכטע: לומדים, מטיפים, מגידים, דרשנים, רבנים — אַלע האָבן געהאַלטן תמיד אין דרשענען תורה, כדי זי צו אַקטואַליזירן.

אַט דער זעלביקער פּרינציפּ פון אַקטואַליזאַציע איז מחייב אויך איצט. לאָמיר עס לערנען אויף אונדזער צייט. וועלן מיר זאָגן:

די היינטיקע הלכה — דער גאַנצער שטייגער וואָס איז אייגנטימלעך יידיש, פון קרעפּלעך מיט געפילטע פיש ביז בר מצווה און יידיש לשון — דאָס איז דער יסוד פון יידישקייט. אַלע יום טובים ווי זיי ווערן געפּראַ־וועט איצט, אָבער נאָר די וואָס מען פירט לשם יידישקייט, אַלע זיטן און מנהגים יידישע, אַנדערשדיקע, די ניטאַיבערגענומענע פון דער פרעמד — אַל דאָס איז יידישקייט, די היינטיקע הלכה. און די גאַנצע ליטעראַטור דאָס איז די אגדה פון דער תקופה. זי קען זיך באַזירן נאָר אויף דער הלכה, אויף דער היינטיקער און אַ סך ווייניקער אויך אויף דער פריערדיקער.

זוכן מיר, באַמיען מיר זיך צו געפינען די פאַרבינדונג פון אונדזער היינטיקער הלכה און אגדה מיט די פון די פריערדקע תקופות, דעם „מן התורה מנין".

האַלטן מיר אויך, אַזוי ווי די פאַרצייטיקע אינטעגראַלע יידן (די פּרו־שים), אַז די תורות און ספרים פון דער היינטיקער תקופה זיינען וויכ־טיקער ווי די פון די פריערדיקע תקופות, ריכטיקער — זיי דאַרפן קומען פריער — פון נאָענטן צום ווייטערן און צום גאָר ווייטן.

ווי ביי די פּרושים בשעתם איז אויך ביי אונדז היינט די היינטיקע אינטעגראַלע יידישקייט אונדזער אמונה, ניט סתם שיינע ווערטער, נאָר מיר גלייבן אין דעם און באַמיען זיך צוזופּאַסן אונדזער פיר און לעבן צו דעם.

ווי די אַמאָליקע אינטעגראַלע יידן בשעתם (די פּרושים) האַלטן מיר איצט אויך די היינטיקע צדוקים, די לייקענער פון די היינטיקע תורה שבעל פּה (די אַלע ליטעראַטור־שאַפונגען וכדומה) פאַר כופרים — לייקענער, אָפּ־וואַרפער, פאַר אַזויגע וואָס ווילן אָפּשניידן יידישקייט און זי באַלזאַמירן. און מיר האָבן אַ כלל אַז אַ בוים וואָס שאַפט נישט קיין נייע בלעטער און פּרוכטן איז טויט.

ג) האַרמאָנאַלע גאַנצקייט פון יידישן פאָלק

די פריער דערקלערטע צוויי פּרינציפּן פון אינטעגראַלער יידישקייט — גלייכווערטיקייט און אַקטואַליזאַציע מאַכן גאַנץ דאָס יידישע פאָלק ווער־טיקאַל, דורך דער געשיכטע. עס איז אַ משל צו אַ מענטשן, צו אַ יחיד: אַ מענטש איז צו צוואַנציק אַנדערש ווי צו צוויי, צו זיבעציק אַנדערש ווי צו צוואַנציק, און דאָך איז ער און ער בלייבט דער זעלביקער אין אַלע על־

טערם. די כאַראַקטער־עלעמענטן הייבן זיך טאַקע אָן אַרויסצואווייזן צו צוויי יאָר שוין (און אפילו פריער), אָבער די תולדות פון די כאַראַקטער־שטריכן — די האַנדלונגען און טואונגען וועלן אין יעדער עלטער דאָך זיין פאַרשיידן. און דער מענטש בלייבט איינער אין די פאַרשיידנקייטן, אין זיינע אַלע עלטערס. אַזוי איז אויך מיט דער ווערטיקאַלער, היסטאָרישער גאַנצקייט און איינהייט פון פאָלק דורך אַלע זיינע תקופות. דאָס איז אַדאַנק די פּרינציפּן פון גלייכווערטיקייט און אַקטואַליזאַציע.

אָבער מיר זיינען אַ פאָלק וואָס איז צעשפּרייט איבער דער וועלט, אײ־בער לענדער און צווישן פעלקער. און אַזוי זיינען מיר כמעט אונדזער גאַנ־צע געשיכטע, דורך אַלע צייטן און תקופות. און די זאָרג פאַר אָט דער האָריזאָנטאַלער, געאָגראַפישער גאַנצקייט און איינהייט פון פאָלק איז ניט ווייניקער וויכטיק ווי די היסטאָרישע גאַנצקייט. אויך פאַר דעם זאָרגט די אינטעגראַלע יידישקייט. מיר האָבן נישט געקאָנט און מיר קענען מן הסתם אויך איצט ניט באַזירן די איינהייטלעכע גאַנצקייט פון דעם יידישן פאָלק, די יידישע אידענטיפיקאַציע פון אַלע יידישע ישובים אין אַלע פאַרשיידענע לענדער, אין פאַרשיידענע פּאָליטישע און קולטורעלע סיטואַציעס ניט אויף פּאָליטיק, ניט אויף טעריטאָריעלע און ניט אויף קיינע מאַטעריעלע אַנדע־רע יסודות.

אויך פאַר דעם האָבן געזאָרגט די פּאַרציייטיקע אינטעגראַלע יידן: זיי האָבן דאָס באַזירט אויף דער איינהייטלעכקייט פון שטייגער לעבן, פון דער הלכה. כל זמן יידן איז פאַרשיידענע לענדער היטן אָפּ די זעלביקע מנהגים, פירונגען און איינשטעלונגען איז די גאַנצקייט פון יידישן פאָלק געזיכערט. און די איינהייטלעכקייט פון דער הלכה וועט שוין אַליין אויך ברענגען אַן איינהייטלעכע „אגדה" (ליטעראַטור). אָט די איינהייטלעכע גאַנצקייט פון דער הלכה קען ניט באַזירט זיין אויף דעם תנך; זי קען ניט איצט באַזירט זיין אויף די פוסקים, אויף דעם שולחן ערוך פון תקופת אשכנז. זי קען באַזירט זיין אויף דער קדושה פון נעכטן איך מיין דערמיט צו זאָגן, אַז אין יעדער דור דאַרף די נעכטיקע וואָכעדיקייט היינט ווערן פאַרהייליקט. די טראַדיציעס פון לעבנשטייגער פון דעם פאַרגאַנגענעם נאָנ־טסטן דור דאַרפן ווערן פאַרהייליקט אין דעם איצטיקן דור. מיר האָבן איצט אין אַלע לענדער, מדינת ישראל אַריינגערעכנט, נייע ישובים. די אַל־טע זיינען חרוב געוואָרן און מען מאַכט זיי חרוב איצט אויך. די גאַנצע שעפערישקייט, דער גאַנצער כוח און מוט אויפצובויען די ישובים און דאָס פורעמען, געשטאַלטיקן זייער גייסטיקן פּרצוף איז געבראַכט פון אונ־דוער נעכטן דאָרטן, אין די חרוב געוואָרענע ישובים. און עס שטייט אויף די פּראָבלעם: וואָס וועט פאַרבינדן די נייע ישובים אין איין פאָלק? לשם קלאָרקייט וועלן מיר ברענגען אַ משל: געוווּנט אין אַ שטעטל אַ ייד יונה. האָט ער געהאַט קינדער און זיי זיינען זיך צעפאָרן, צעשפּרייט איבער דער וועלט, ווער — אין אַפריקע און דער אין אויסטראַליע, און יענער קיין אַר־

גענטינע. און עס זיינען יונהס איינִיקלעך. איינער איז יאַן, און דער צווייטער — איוואַן, דער דריטער איז זשאַן און דער פערטער איז דזשאַן, און דער פינפטער איז שוין גאָר כואַן. אַלע זיינען זיי אַ נאָמען נאָך איין און דעם זעלביקן יידן, אָבער וואָס פאַרבינדט זיי? מיט וואָס געהערן זיי צו איין פאָלק? און אָט די פּראָבלעם שטייט דאָך פאַר יעדער יידישער משפחה און פּונקט אַזוי פאַר דעם גאַנצן פאָלק: דאָס יידישע פאָלק צעשיט זיך און צעברעכט זיך. וואָלטן אָבער יידן אין אַלע זייערע צעשפּרייטונגען, אין אַלע זייערע נייע ישובים פאַרהייליקט און אָפּגעהיט זייער הלכה־שטייגער פון זייער אַמאָליקן שטעטל, וואָלט די גאַנצקייט פון פאָלק געוועזן געזיכערט.

דאָס יידישע פאָלק וועט בלייבן איין גאַנץ פאָלק ווען די פּשוטע וואָכעדיקייט פון נעכטן וועט היינט פאַר אונדז זיין הייליק. די שפּראַך פון נעכטן, די מנהגים און פירונגען. כדי צו מאַכן בולטער דעם פּרינציפּ וועל איך זאָגן דראַסטיש: מען לאַכט ביי אונדז פון שניפּעשאַק און כאַנדריקעווע, און דווקא זיי דאַרפן ביי אונדז ווערן קודש. פּונקט ווי די פּרושים און בעלי התלמוד האָבן איינגעשטעלט אַ מנהג „זכר למקדש כהלל" אַזוי דאַרפן מיר איינשטעלן מנהגים „זכר למקדש בקסרילעווקע" — און נאָך דרינגענדיקער און נאָך פעסטער.

אוודאי זיינען יזכור־ביכער זייער וויכטיק, אָבער אָן לעבעדיקע מנהגים אין שטייגער און אָן פאַרהייליקט פירונגען, ווייל אַזוי האָבן זיך געפירט אונדזערע עלטערן „בזמן שהשטעטל היה קיים", אָן דעם וועלן די יזכור־ביכער בלייבן טויט שוין אין צווייטן דור, טויטע מצבות. יונהס אייניקלעך — די כואַנס און די דזשאַנס, און די זשאַנס, און די איוואַנס וועלן זיי שוין אפילו ניט עפענען. דאָס איז דער פּרינציפּ „מוסיפין מן החול על הקודש" — די וואָכעדיקייט פון נאָנטסטן נעכטן דאַרף זיין היינט קודש. און דאָס קען ניט אויפטאָן דער הייליקער אייערנעכטן, דער פאַרצייטן. דאָס האָט נאָך געוואוסט די גמרא, ווי געבראַכט אויבן. דאָס מוז זיין די פאַרהייליקונג פון דעם נאָנטסטן נעכטן דווקא און ניט אַנדערש. דאָס איז די „קדושת השטעטל". די האָריזאָנטאַלע און די ווערטיקאַלע גאַנצקייט פון יידישן פאָלק קען דערגרייכט ווערן נאָר דורך דעם „מוסיפין מן החול על הקודש" ווי דאָס האָט האָט גערופן שוין די גמרא. און דער טייטש פון דעם איז, אַז דאָס וואָס נעכטן איז געווען וואָכעדיק מוז היינט ווערן קודש. און דאָס וואָכעדיקע לשון פון נעכטיקן שטעטל מוז היינט זיין דאָס קודש קדשים פאַרן קיום פון יידישן פאָלק.

ד) פּרינציפּ פון פאָלקישקייט

דער פריערדיקער פּרינציפּ פון „מוסיפין מן החול על הקודש" קען

אייגנטלעך אויך אויסגעדריקט ווערן מיט אַ נענטערן באַגריף „פאָלקיזם״. מיר האָבן דעם פּרינציפּ אין פּאַריקן און אין היינטיקן יאָרהונדערט גע־לערנט פון די בעסערע רוסן, וואָס ביי זיי איז עס געווען אַ שטאַרקע אמונה. מיר האָבן אָבער עס געהאַט אויך אין אונדזער פּאַרצייטן. דאָס שיקן זען „וואָס עס רעדט דאָס פאָלק״ פון הילל איז דער אמתער פאָלקיזם. לאָמיר געגוויער באַטראַכטן וואָס עס מיינט. מיר ווילן אָנהייבן מיט אַ פראַגע: ווער ווען האָט געשאַפן — צי האָט שלום עליכם געשאַפן טביה דעם מילכי־קער, אָדער פאַרקערט, איז דער גאַנצער טאַלאַנט און אַלע אויפטועו פון שלום ראַבינאָוויטש — אַ פּראָדוקט, אַ קינד און אַ תלמיד פון די טביהס און פון די מנחם־מענדלס און פון די ר׳ יוזפּלס און אזוי ווייטער?

האָט טאָלסטוי געזאָגט אַז ער דאַרף זיך לערנען שרייבן פון דעם פויערים־זון. האָט פּושקין געזאָגט אַז מען דאַרף זיך לערנען רוסיש ביים פשוטן המון, האָט עפּעס ענלעכס געזאָגט אויך גאָגאָל און אַנדערע. דאָס איז פאָלק. די משכילים אונדזערע זיינען געקומען צום פאָלק ניט כדי זיך צו לערנען פון אים, ביי אים, נאָר כדי אים צו לערנען. און דערפאַר איז די גאַנצע השכלה געווען אַ דורכפאַל. האָט פּרץ גענומען זיך לערנען ביים פאָלק, און עס איז געווען אַ דערפאָלג. דער מקור פון יעדער קולטור איז דאָס פשוטע פאָלק, אפשר אפילו דער אַנאַלפאַבעטישער המון. לאָמיר דאָס זאָגן אויף יידיש — ביים עם הארץ. ניט אומזיסט זאָגט עס די גמרא „הזהרו מבני עמי הארץ שמהם תצא תורה״ (מבני עניים איז אַ צווייטער נוסח). און עס מיינט נישט דווקא די דירעקטע קינדער, עס מיינט, אַז פון דעם עמאַרצישן לעבן וואַקסט אַרויס די קולטור, ווי פון שוואַרצן באָדן וואַקסן אַרויס די שענסטע בלומען. פאַראַן אין קולטור צוויי עלעמענטן: דער באָדן און זיינע פּרוכט. דער באָדן איז דער שטייגער, דער פשוטער שטייגער, דער פיר, דאָס טאָג־טעגלעכע, דאָס וואָס איז לגמרי ניט דעפינירט און ניט באַשריבן, סיידן אין דערציילונגען, אפשר. בכלל אופן איז עס ניט פאָרמולירט. דאָס איז די קולטור שבעל פה, אויב מיר זאָלן נוצן די פאַרצייטיקע טערמינאָלאָגיע. דער טערמין בעל פה געהערט לגמרי נישט בלויז דער פאָלקישער קולטור פון די תלמוד־צייטן, נאָר אין יעדער דור, יעדער תקופה האָט איר קולטור שבעל פה. און אָט די שטייגערישע אומ־דעפינירטע קולטור — זי איז דער מקור פון נאַציאָנאַלן אייגנאַרט, פון דער פאָלקישער אַנדערשקייט, וואָס צייכנט אויס איטלעך פאָלק. מיר קע־נען היינט ניט אָננעמען די קולטור וואָס איז אַמאָל געווען אַ תורה שבעל פה און אויך היינט האַלטן זי פאַר אַזאַ. יענע תורה שבעל פה איז שוין לאַנג פאַרשריבן געוואָרן לאַנג שוין ווי זי איז בכתב. היינט איז דאָ אַן אַנדער תורה שבעל פה, דאָס וואָס איז היינט פשוט, אין שטייגער און ניט קאַנאָניזירט, ניט פעסטגעשטעלט לדורות.

פרעגט זיך וואָס פון דעם נעכטן דאַרף היינט זיין קודש? וואָס דאַרף פיקסירט ווערן? זאָג איך — אָט די קולטור פון שטייגער. און ווער איז

דער בעסטער היטער פון שטייגער? — דער פשוטער ייד, דער עם הארץ דער פשוטער פאלקמענטש. בכל דור — אין יעדער דור האבן מיר פאר־מאגט „קולטור־סנאבן", וואס האבן אויף דעם עם ארצישן שטייגער, אויף די וואס זיינען די אמתע שומרי מסורת, געקרימט די אינטעליגענטע געזער. ניט ביי זיי איז יידישקייט, יהיה מי שיהיה, משכילים, פילאסאפן, אלץ איינס. ווילסטו וויסן וואס איז פאלקיש, טא גיי צום פשוטן יידן, און זע ווי ער רעדט און ווי ער פירט זיך. אט דאס איז פאלקיזם, און אין דעם איז דער פרינציפ וואס פון פריערדיקן דור מען דארף פארהייליקן, וואס עס דארף אריינגיין אין אונדזער היכל הקדשים.

אויב מיר האבן אזוי מורא פארן קומענדיקן דור, איז עס דערפאר וואס איצט אין אונדזער דור האבן מיר ניט קיין עמארצישן פאלק פון שומרי מסורת. פרעגעם אויפטו און זיין גליק איז געווען וואס ער האט געהאט פון וועמען צו שעפן. שלום עליכמס גליק איז געווען וואס ער האט געהאט זיין גרויסן קאלעקטיוון טביה, ביי וועמען ער זאל זיך לערנען, פון וועמען ער זאל זיך לערנען. כדי אונדזער פאלק זאל האבן א קיום אויך מארגן מוזן מיר אט דעם פאלקישן נעכטן פארוואנדלען אין קדושה, און דאס לערנען, דאס היטן ווי די תורת חיים. אוודאי האבן מיר אויך נעכטן געהאט אפטריניקע, שמענדריקעס, סנאבן, אנטלויפער פון יידישקייט. טייל־ווייז האבן זיי געשאפן אפילו וועגן יידישקייט. אבער זיי האבן פארמאגט נאר די תורה (קולטור) שבכתב פון יידישן פאלק, און ניט אין דעם איז דער המשך.

ה. שפראך

דער פריערדיקער פרינציפ פון פאלקישקייט איז מחייב א דערקלערונג. מיר קומט אויס אפט צו הערן: לאזט שוין צורו מיט אייער יידיש. יידן, זעט איר דאך, ווילן ניט קיין יידיש און מען פאר־ווארפט אים. „יידיש הערט אויף צו זיין די יידישע פאלקשפראך", „די יוגנט וויל ניט קיין יידיש", די יידישע אינטעליגענץ קען ניט מער קיין יידיש" און נאך און נאך כדומהדיקע טענות קעגן יידיש. מען זאגט מיר: איר רעדט אזוי פיל פון פאלק, פון פאלקיזם, טא גייט און זעט וואס אייער פאלק האט אויסגעקליבן, גייט און לערנט זיך פון דעם פאלק. דאס וואס איר רעדט איז שוין פארעלטערט, דאס פאלק איז שוין אוועק פון דעם...

און דערפאר מוז מען קלאר דעפינירן דעם באגריף „פאלק". ווייט ניט יעדער געזעמל פון מענטשן קען הייסן פאלק. און ווייט נישט אלע יידן בילדן דאס יידישע פאלק. עס איז ניט קיין פראגע פון סטאטיסטיק בלויז. ניט אלע וואס שטאמען פון יידישן פאלק אמאל זיינען איצט אויך יידן.

דארפֿן מיר קלאָר און דײַטלעך אונטערשיידן און באַשטימען וואָס מיר מיי־נען מיט דעם באַגריף „פֿאָלק”.

פֿאַראַן בײַ אונדז נאָך גאַנץ אַלטע ווערטער וואָס האָבן אַן ענלעכן באַ־טײַט — המון, ערב רב, אָבער זיי זײַנען ניט דאָס וואָס פֿאָלק. בשום אופֿן ניט. נאָך אין גמרא איז פֿאַראַן אַ דערקלערונג „בתוך עמי אני יושב — בשעה שעושה מעשי עמי”. דאָס מיינט, אַז צום סכום פֿאָלק געהערן נאָר די וואָס לעבן זיך אויס פֿאָלקיש, ווי ייִדן הייסט עס.

מיר האָבן פֿריער געשריבן אַז עס זײַנען פֿאַראַן אין יעדער מענטשן שטריכן עטנאָלאָגישע, פֿיזישע און אויך פּסיכישע, שטריכן וואָס זײַנען אַ סך עלטער פֿון דעם אינדיוויד. צי ער וויל צי ער וויל ניט, ער טראָגט זיי אין זיך מיט זײַן גענעטישער ירושה. אין יעדער אינדיווויד לעבן זיי — די שטריכן געירשנט פֿון צענדליקער דורות, פֿון הונדערטער דורות, ווער ווייס ווי אַזוי און ווער ווייס פֿון ווען אָן. פּונקט אַזוי גיבן זיך איבער דורך לאַנגע דורות אויך קולטור־שטריכן, קולטור־אײַגנשאַפֿטן. זיי ליגן אין אונדז פֿון דורות, צי מיר ווייסן יאָ פֿון זיי, צי מיר ווייסן ניט און מיר ווילן ניט ווייסן. אָט די שטריכן זײַנען עלטער פֿון אונדז, עלטער פֿון אונדזער באַ־וואוסטזײַן, עלטער פֿון אונדזער ווייסן און באַנעמען. דער גרעסטער טייל פֿון אָט דער דורותדיקער ירושה איז פֿאַרבונדן מיט דער שפּראַך פֿון פֿאָלק, פֿון דורות. ניט אַלץ, נאָר דער גרעסטער טייל איז פֿאַרבונדן מיט דער שפּראַך פֿון פֿאָלק. די שפּראַך איז אַ סך עלטער פֿון יעדער יחיד, פֿון אַלע יחידים אין פֿאָלק. אין דער שפּראַך איז די ווערטיקאַלע (היסטאָרישע) גאַנצקייט פֿון אַ פֿאָלק דורך דורות אין דער אייביקייט. אַ שפּראַך איז אַ סך מער ווי איר סכום ווערטער, ווי די ווערטער וואָס דער פֿולסטער ווערטערבוך קען ברענגען. דער עיקר פֿון שפּראַך איז איבערהויפּט אין די זאַצן און די זאַצן וואָס דאָס פֿאָלק נוצט דורך דורות — אין זיי ליגט דער מהות פֿון דער שפּראַך, אין זיי איז די נשמה פֿון פֿאָלק, זײַן גייסט און זײַנע רעאַקציעס אויף אַלע געשעענישן אין לעבן. און אָט אַזוי איז די שפּראַך פֿון אַ פֿאָלק דער שפּיגלער, דער שאַצקאַמער פֿון זײַן קאָלעקטיוון גייסט. אומה ולשון — פֿאָלק און שפּראַך. דאָס פֿאָלק שאַפֿט זײַן שפּראַך און די שפּראַך היט אײַן דאָס פֿאָלק, האַלט אויף דאָס פֿאָלק, זײַן נשמה. ניט אין די ווערטער, נאָר אין דער אידעאָמאַטיק, אין פֿאָלקלאָר, אין אַקצענט און אין טעמבער פֿון שטים, אין דעם סינטאַקסיס. דאָס איז אַלץ וואָס מען קען ניט אויסלערנען, מען מוז זיך אַרײַנלעבן. מען קען אָפּשר זאָגן, אַז אַ מענטש געהערט צו דעם פֿאָלק, אין וועמעס שפּראַך ער לעבט. ריידן קען מען אַ סך שפּראַכן, לעבן לעבט מען אין איין שפּראַך. דאָ ליגט די פֿאַרבינדונג פֿון יחיד מיט דעם פֿאָלק. אַ פֿאָלק וואָס פֿאַר־לירט זײַן שפּראַך הערט, מן הסתם, אויף צו זײַן דאָס פֿאָלק. אויב עס וועט אײַנהיטן זײַן שטייגער לעבן, וועט עס אַרײַנטאָן זײַן גייסט אין דער נײַער שפּראַך וואָס עס האָט איבערגענומען. און עס וועט שוין ווערן ביס־

לעכווייז אַ נייע שפּראַך, אַנדערש לגמרי פון דער, וואָס דאָס פאָלק האָט גענומען לכתחילה.

וואָס אָבער ווערט פון אַ פאָלק וואָס נעמט איבער אַ פרעמדע שפּראַך און היט ניט, און האָט ניט קיין אייגענעם פאַרזיכיקן שטייגער לעבן? — אַזאַ פאָלק צעשיט זיך אויף באַזונדערע יחידים, עס איז שוין מער נישט קיין פאָלק אין זיין גאַנצקייט, נאָר באַזונדערע יחידים, וואָס שטאַמען פון איין פאָלק, אָבער אַליין זיינען זיי שוין ניט קיין פאָלק. דאָס קען זיין אַ המון,) אַן ערב רב, אָבער ניט קיין פאָלק. אַזוינע יחידים, וואָס ריידן אַן אויסגעלערנטע שפּראַך, ניט די שפּראַך פון זייערע דורות, פון זייער פאָלק, געהערן אייגנטלעך מער ניט צו זייער פאָלק. זיי געהערן אויך ניט צו דעם פאָלק, וועמעס שפּראַך זיי ריידן. זיי פאַרמאָגן ניט דאָס אינטימע פון קיין איין שפּראַך, זיי געהערן ניט צו קיין פאָלק, אויב אפילו זיי זיינען אידעאָלאָגיש שטאַרק נאַציאָנאַליסטיש געשטימט. עס פאַרשטייט זיך אַז ביי אַזאַ „פאָלק" גייען פאַרלאָרן ניט מיט איין מאָל זיינע פאָלקישע שטריכן, זיי גייען ניט אויס מיט איין מאָל גלייך מיטן פאַרלירן די שפּראַך. עס איז אַ פּראָצעס פון דורות, אָבער שפּראַך פאַרלאָרן — פאָלק פאַרלאָרן. די שפּראַך איז דאָך עלטער פון אַלע יחידים אין פאָלק און זי פירט דעם געדאַנק פון די מענטשן ווי די רעלסן פירן די באַן — דאָס איז דער געדאַנקען־וועג פון דיין פאָלק און דו קענסט גאָר ניט אַרויסגיין, אַראָפּגיין פון אָט דעם וועג אָן אַ קאַטאַסטראָפע. אַזוי מיט דער שפּראַך און אַזוי מיט ניגונים, מיט דעם גאַנצן גייסטיקן שטייגער. אַ מענטש אַז ער טראַכט, אַז ער רעדט, אַז ער שרייבט — האָט ער שוין פאַרטיקע פורעמס צו פורעמען די געדאַנקען, די אידעען, די מחשבות וואָס עס ווערן ביי אים געבאָרן. נאָרמאַל רעדט ניט אַ יחיד אַליין, פון זיך. עס רעדן דורות, אַ פאָלק רעדט דורך דעם מויל פון די יחידים. מיר האָבן צוויי שפּראַכן — יידיש און העברעאיש. יידיש האָב איך זיך אויסגעלערנט דירעקט פון פאָלקס מויל. העברעאיש האָב איך ניט געלערנט ווי אַ שפּראַך נאָר צוזאַמען מיט די ספרים, מיט די אינהאַלטן. איך שרייבביידע שפּראַכן. און ווען איך נעם איין און די זעלביקע טעמע צו שרייבן אויף ביידע שפּראַכן, קומט דאָך פאַרט אַרויס אַ סך אַנדערש — די שפּראַכן פירן מיך אַוועק אויף אַנדערע רעלסן, און עס קומט שוין במילא אַרויס אַנדערש. מענטשן וואָס האָבן ניט נאַטירלעך די שפּראַך פון זייערע טראַדיציעס, פון זייער פאָלק, האָבן ניט, פאַרמאָגן ניט די דענק־טראַדיציע פון זייער פאָלק, זיי זיינען געגליכן צו אַ באַן־וואַגאָן וואָס גייט אַראָפּ פון זיינע רעלסן. די קללה „ונכרתה הנפש ההיא מעמיה" איז געזאָגט געוואָרן אויף די וואָס פאַרלירן די שפּראַך פון זייער פאָלק.

עס איז אין אַ גרויסער מאָס ריכטיק די באַהויפּטונג פון די „כנענים" אין ארץ ישראל, אַז זיי זיינען מער ניט קיין יידן, אַז זיי געהערן ניט מער צו דעם זעלביקן פאָלק וואָס האָט לאַנגע דורות געלעבט אין יידיש. זיי פאַר־

מאגן ניט דאס אינטימע אין שפראך וואס זאל זיי פארבינדן נשמהדיק מיט דעם יידישן פאלק.

איך וויל דא דערמיט ניט זאגן, אז אזא מענטש אן דער שפראך פון זיין פאלק, האט שוין גארניט פון זיין פאלקס שטריכן, אז ער האט שוין פארלארן אלע ווארצלען. ניין. דאס ניט, אבער אן דער שפראך בלייבן רעשטלעך אמארפע, אומבאוואוסטע דעם מענטשן אליין. אומבאשטימטע, אומדערקענטע איבערבלייבונגען, טיילווייזע „דיבוקים". דאס אלץ איז גענוג צו שטערן דעם מענטשן ארייננצודרינגען אין א צווייטער קולטור אריין. אבער שעפעריש קען שוין אזא מענטש ניט זיין... די שפראכן וואס אזא מענטש קען זיינען טעכנישע, קלארע, גראמאטיש ריכטיקע, אבער ניט קיין ארגאנישע, קיין שעפערישע קענען די מענטשן שוין נישט זיין. די מענטשן זיינען שוין אפגעריסן פון זייערע ווארצלען. זיי זיינען מחוץ דעם פאלק. ערב רב, המון קענען זיי זיין, אבער פאלק פאסט שוין דא ניט לגמרי.

און ביי יידן קען זיך טרעפן, אז דער אויסגעיידישטער המון זאל אין צאלן, אין סכומים אריבערשטייגן דעם פאלק. און ניט געקוקט אויף דער סטאטיסטיק בלייבט דאס יידישע פאלק אפט דוקא אין דער מינדערהייט, און די מערהייט געהערט צום טיפ ערב רב. און אזוי דורך דער גאנצער געשיכטע. איז משה געווען דער טרעגער פון ריינער יידישקייט, און די מערהייט פון פאלק האט גאר געטאנצט ארום דעם גאלדענעם קאלב. האט אליהו זיך געקלאגט אז ער איז געבליבן איינער אליין, און די מערהייט פון פאלק האט געדינט דעם בעל (אויף דעם היינטיקן לשון — געלעבט מיט פרעמדע קולטורן). און די אמתע יידישקייט, דאס יידישע פאלק איז געווען ביי אט דער מינדערהייט פון אליהו מיט זיינע קנאפע נאכפאלגער. און אזוי ביי אלע נביאים. און... אזוי איז אויך היינט: די צאל־מערהייטן פון יידן דינען אלערליי פרעמדע געטער, לעבן מיט אלערליי פרעמדע שפראכן און קולטורן, — און ניט זיי — ניט אט די מערהייטן זיינען דאס יידישע פאלק... שווער מיר צו זאגן וואס פאר א פראצענט יידן עס געהערן צום יידישן פאלק, אבער בכל אופן איז עס א מינדערהייט און עס בלייבט אויך אויף ווייטער די פארמול פון תלמוד „בשעה שעושה מעשי עמי" — צום יידישן פאלק געהערן נאר די (סטאטיסטישע יידן) וואס לעבן זיך אוים אין דער יידישער שפראך און אין שטייגער.

עס איז אפשר טראגיש אזא אויספיר, איבערהויפט פאר דער אידעע פון אינטעגראלער יידישקייט, אבער אזוי איז אונדזער גורל דורך דער גאנצער געשיכטע און איבערהויפט נאך אין אונדזער אורבאנישער תקופה ווען מיר האבן פארלארן אונדזער אויטאנאמיע פון דער פריערדיקער תקופה אין שטעטל.

דערפאר אבער שטרעבט די אינטעגראלע יידישקייט צו א פולן שלום אין דעם יידישן פאלק גופא. ווי שטעלן מיר זיך פאר אט דעם שלום?

ו) אונדזערע מחלוקותן

אַלע אונדזערע פּילצאָליקע מחלוקותן קענען מיר דערפירן צו עטלעכע גרונטפראַגן. און דאָס זיינען זיי: שפּראַכן־פראַגע, רעליגיע, און לענדער (איבערהויפּט גלות און היימלאַנד, די מדינה) אַלע איבעריקע מחלוקתן האָבן אין זייער שורש צופעליקע מאָטיוון, ווי פּערזאָנען־דיסקוסיעס וכדומה.

פאַר אינטעגראַלער יידישקייט פאַלן אָפּ די מאָטיוון פון די גרונט־שפּאַל־טונגען אויך. נישטאָ קיין שפּראַכן־פראַגע. פאַרוואָס? — ווייל יידישיזם וויל אָנהאַלטן נאָר אַ פראַגמענט פון יידישקייט. טאַקע אַ וויכטיקן טייל, אַ יסודטייל, אָבער דאָך נאָר אַ טייל. העברעאיזם ווידער — דאָס זעלביקע.ביידע וואַרפן זיי אָפּ גרויסע טיילן פון דער יידישער קולטור, פון יידיש־קייט. אויב אָבער מיר שטעלן זיך אויפן פּרינציפּ פון אלה ואלה דברי אלוהים חיים (אָדער דברי עם חי), פאַלט דאָך שוין אָפּ די גאַנצע פּראָבלעם. עס קען ניט געמאָלט זיין קיין פולע יידישקייט אָן דעם אַלעם וואָס איז אין פאָלק געשאַפן געוואָרן און אַריינגעלעבט זיך אין יידיש און דאָס זעלביקע אין העברעאיש. אינטעגראַלע יידישקייט לייגט דעם טראָפּ אויף דער קול־טור וואָס איז געשאַפן אין די שפּראַכן, ניט די שפּראַכן אָן די אינהאַלטן. מיר לערנען ניט קיין אַראַמיש אָן דעם תלמוד, זוהר וכדומה. מען לעבט זיך אַריין אין דער דאָזיקער אַראַמישער שפּראַך אַדאַנק דעם לערנען די ספרים אין דער שפּראַך. אַזוי האַלט אויך די אינטעגראַלע יידישקייט ניט פון לערנען יידישע ווערטער און זאַצן וואָס זיינען אויסגעליידיקט פון זייער קולטור־אינהאַלט. און דאָס זעלביקע בנוגע צו העברעאיש. ניט דער קנקן, נאָר דער מה שיש בו, ניט די שפּראַכן נאָר אַלץ וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אין זיי געשאַפן. די שפּראַך, דער קנקן, די כלי צוזאַמען מיט דעם וויין אין אים. און די גאַנצע פראַגע, דער גאַנצער „ריב לשונות" איז פאַרענטפערט.

עס וואָלט נאָר געווען אַ אינטערעסאַנטע טעמע פאַר אַ פּסיכאָלאָגישער פאָרשונג, ווי אַזוי עס איז נאָר געקומען צו אַזאַ מחלוקת; וואָסערע אייגנ־שאַפטן אין יידישן כאַראַקטער, אין דער יידישער פּסיכיק עס האָבן גאָר געפירט צו אַזאַ פאַרביסענער און פאַרעקשנטער קריגעריי אין משך פון אַ הונדערט יאָר... און די מחלוקת איז דאָך נאָך ווייט ניט געענדיקט, ניט אויסגעלעבט, צום באַדויערן

אַזוי פאַלט אויך אָפּ די קריגעריי צווישן רעליגיעזער און וועלטלעכער־יידישקייט. אויב מיר באַמיען זיך צו „פאַרהייליקן" (טייער צו האַלטן, אויפצוהיטן) די פאָרמען פון יידישן לעבן פון נעכטן, פון דער פריערדי־קער תקופה, איז שוין ווידער נישטאָ וועגן וואָס זיך צו קריגן. יע, עס קענען זיין גאַנץ היפשע עלעמענטן פון דעם נעכטן וואָס קענען ניט, וואָס זיינען אוממעגלעך אָפּגעהיט צו ווערן. מען מוז דאָך געדענקען אַז די אור־באַנישע תקופה קען בשום אופן ניט איבערנעמען דעם גאַנצן שטעטלשן

שטייגער. האָט דאָך טאַקע די יידישע רעליגיע פון אייביק אָן געמאַכט ענ־דערונגען, תיקונים און תקנות אין דער רעליגיע. האָבן דאָך תמיד רעלי־גיעזע אויטאָריטעטן מבטל געמאַכט נאָרמען און איינגעשטעלט נייע, וואָס שטימען מער מיט דעם לעבן פון דער געגעבענער תקופה. איז דאָס דער טראַגישער דעפעקט פון דער היינטיקער אָרטאָדאָקסיע, וואָס פאַרשטייט עס ניט, און דערמיט שטעלט זי אין סכנה די רעליגיע גופא.

כ'ווייס ניט צי אינטעגראַלע יידישקייט האָט דערגרייכט דעם פונקט, זי זאָל איצט פּרובירן איינשטעלן אַ מין נאָרמען־קאָדעקס, אַ מין נייעם שולחן ערוך. איך מיין אַז עס איז צו פרי. אָבער איך בין זיכער אַז צו דעם מוז קומען. אין דער יידישער מדינה האָט שוין די רעליגיע געמוזט נאָכקומען די פאָדערונגען פון לעבן אויף עטלעכע געביטן (פּאָסט, טעלע־גראַף, טעלעפאָן און עלעקטרע אום שבת און יום טוב וכדומה)... אין די היינטיקע אורבאַנישע באַדינגונגען קען מען ניט אויסקומען אָן פאָרן אום שבת, און דאָס לעבן האָט עס שוין איינגעפירט. אויב מיר ריידן דאָ וועגן פאַרהייליקן דעם נעכטן, מיינען מיר אין די הויפּטשטריכן, ניט אַלע פּר־טים. און פאַר אינטעגראַלער יידישקייט איז שוין ווידער ניטאָ קיין פלוגתא, קיין קריגערייען צי די עלעמענטן זיינען סאַנקציאָנירט רעליגיעז אָדער ניט. איך גלייב ניט אַז קרעפּלעך און געפילטע פיש זיינען יאָ פאַראַן אין שולחן ערוך, און דאָך זיינען זיי מער פאַרהייליקט, מער אָנגענומען ווי הושענות למשל, ווי גאַנצע בערד און נאָך. אין אַמעריקע איז פאַראַן אַ געזונט ווערטל „אַזוי ווי די באָבע פלעגט עס מאַכן". דאָס לעבן אַליין וואַרפט אָפּ און שטעלט איין נאָרמען. בתנאי מען זאָל נאָר וועלן ציען דעם המשך פון לעבן־שטייגער, וועט במילא ביסלעכווייז אָפּגעמעקט ווערן דער אָפּשטאַנד צווישן רעליגיעזער און וועלטלעכער יידישקייט. די צוויי ליניעס וואָס ציען זיך פון צוויי אַנטקעגן־געזעצטע פּאָלוסן וועלן זיך באַגעגענען אין אַ פונקט פון שלום. און די רעליגיע וועט אָנערקענען די וועלטלעכע שאַפונגען און די וועלטלעכע וועלן אויפהערן צו בריקן די עלטערע שאַפונגען ווייל זיי זיינען פאַרהייליקט רעליגיעז. די פראַגע איז נאָר ווען עס וועט קומען אָט דער „באחרית הימים".

און אַזוי איז אויך מיט דער דריטער היסטאָרישער מחלוקת צווישן גלות און ישראל־קולטור. עס איז טאַקע טראַגיש וואָס אפילו די באַוועגונג אויפ־צובויען אַן אייגענע היים, די משיח־באַוועגונג פון אונדזער צייט האָט אויך זיך אָנגעהויבן מיט כפירה, וואָס האָט געטראָגן אַ גרינגערן נאָמען „שלילה". מען האָט עס גערופן שלילת הגלות, אָפּלייקענען און אָפּוואַרפן אַלץ, די גאַנצע קולטור וואָס שטאַמט פון גלות.

מען דאַרף דאָ נישט אַנאַליזירן אַלע מאָטיוון, און אַלע מקורים פון אָט דער כפירה אין דער גאַנצער יידישקייט. עס וואָלט אונדז פאַרפירט צו וויט. דער עיקר — מען האָט געמוזט אָפּוואַרפן, מיר גייען בויען עפּעס אַן אַנדער יידישקייט. און מען דאַרף אויך צוגעבן, אַז אָט די כפירה האָט

בפירוש יאָ געהאָלפן, זי האָט געפונען חן אין אויגן פון יידן: יידן האָבן זייער גערן אַפּצואווארפן יידישקייט. איך וועל אויך נישט אָפּשטעלן זיך אויף די שאָדנס וואָס אָט די כפירה (אָדער שלילה — עס איז דאָך היינו הך) האָט געבראַכט און וואָס זי קען ווייטער ברענגען נאָך מער. איך וויל אָבער גלייבן, אַז עס איז שוין נענטער ווי ווייטער דער טאָג, ווען די יידישע מדינה וועט אויפנעמען די קולטור פון גלות, ווייל מען וועט אַנערקענען און מען וועט דערזען דעם ריכטיקן אמת „כי מגלות תצא תורה, תורת הארץ". און עס וועט מקוים ווערן אַ מאמר חז"ל „עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבבל, שיקבעו בארץ ישראל". איך גלייב אין דעם. איך גלייב אין דעם, ווייל איך גלייב אין אינטעגראַלער, גאַנצער, איינהייטלעכער און אומעטומיקער יידישקייט.

גאָט — געטלעכקייט. אינטעגראַלע ןידישקייט לאָזט זיך ניט אַריין אין קיינע דיסקוסיעס און פּראָבלעמען וועגן גאָט, וועגן זיין מהות און וועזן, וועגן זיין עקסיסטענץ באַזונדער און וועגן זיינע אַטריבוטן. דאָס אַלץ איז ניט אין יידישן גייסט, עס ליגט אין דעם די השפעה פון דער ניט־יידישער טעאָלאָגיע, און זי אינטערעסירט אונדז ניט קען זיך איטלעכער גיין אין זיין וועג אויף דעם געביט.

אונדז אינטערעסירט יאָ די געטלעכקייט פון דעם קאָסמאָס, די אומענדלעכקייט אין דעם גרויסן און די אומענדלעכקייט אין דעם קליינעם פון דעם באַשאַף, דער גייסט פון דעם אַלטן „ברכי נפשי" (תהלים) און פון „כתר מלכות" (שלמה איבן גבירול) אָן נאָך און נאָך. „ווי די נשמה מאַכט לעבעדיק דעם גוף, אַזוי מאַכט גאָט לעבעדיק דעם קאָסמאָס" אין גייסט פון תלמוד און קבלה. *)

אונדז גייט נאָך שטאַרקער אָן די געטלעכקייט פון יידישקייט. דאָ גייען מיר אין גייסט פון דעם רנ"ק, וואָס שרייבט, אַז דער ספּעציפישער גייסט פון אַ פאָלק, דאָס אייגנטימלעכע אין אים האָט געטראָגן ביי יידן דעם נאָמען „אלוהי האומה" — דער גאָט פון פאָלק און שפּעטער „שר האומה". לאָמיר פון זיך צוגעבן אַז נאָך שפּעטער האָט זיך ביי אונדז אַנטוויקלט דער באַגריף „רוח הקודש". זיכער איז עס געקומען כדי אויסצומיידן מאַטעריעלע פאָרשטעלונגען ווי גאָט און ווי מלאך, נאָר דער הייליקער גייסט (נאָך ריכטיקער: דער גייסט פון הייליקייט). און מיט דעם וואָרט האָט מען געוואָלט אויסדריקן טאַקע דאָס יידיש־אייגנטימלעכע, גייסטיק־יידישע און אויך אַז דאָס איז ליב און טייער ווייל עס איז אונדזערס.

אַזוי איז עס געווען ביי אונדז פון די „שריפטן פון הייליקייט" (כתבי

*) אין זוהר: עילת העילות, סיבת הסיבות וכד אנת תסתלק מנהון אישתרון כולהו שיהו כגופא בלא נשמתא. אויף יידיש: דאָס העכסטע פון אַל דעם העכסטן, די סיבה פון אַלע סיבות (די ערשטע סיבה פון אַלץ, און אַז דו וועסט אַוועק פון זיי וועלן זיי אַלע בלייבן ווי אַ גוף אָן אַ נשמה.

הקודש) ביז די „אורות הקודש" ליכט פון הייליקייט (געשריבן פון הרב א. י. קוק ע"ה) און הייליק איז עס ניט ווייל אין דעם אדער אויף דעם אָרט האָט זיך באוויזן גאָטס א האַנט, גאָטס אַן אַנדער טייל פון זיין קערפּער אָדער גאָטס א קרוב, א פריינד וכדומה. נאָר דער הייליקער גייסט וואָס אין מענטשן, אין פאָלק, אין דער המשכדיקייט פון פאָלקס דורות, אין דעם אייגנטימלעכן וואָס איז עלטער פון דעם דירעקטן שרייבער, וואָס האָט די געדאַנקען פאַר־שריבן. און אָט די געטלעכקייט איז טאַקע פאַראַן אין לעבן. דאָ איז פאַראַן א סך וואָכעדיקס, טאָג־טעגלעכדיקס, ניט געטלעכס, פאַרבייגייענדיקס. און צווישן דעם אַלעם איז אויך פאַראַן דויערנדיקס, עפּעס וואָס איז אומאָפּהענ־גיק פון טאָג, פון היינט. עפּעס וואָס האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אין משך פון דורות... צייט איז ווי א זיפּ, ווי א שטראָם וואָס שווענקט אַוועק דעם זאמד און לאָזט איבער די זעמדעלעך גאָלד. אזוי איז אויך די צייט: דאָס טאָג־טעגלעכע, דאָס וואָכעדיקע טראָגט זי אַוועק, און עס ווערט פאַרגעסן, אָבער עס לאָזט איבער דאָס דויערנדיקע, דאָס ספּעציפישע אין דער נשמה פון פאָלק און דאָס איז זיין רוח הקודש. עס קען זיך מיט דורות ענדערן די פאָרעם, די אויסווירקונג, אָבער דער עצם גייסט בלייבט טאַקע לדורות. דאָס איז דאָס געטלעכע אין פאָלק. און דאָס איז אַלע מאָל עלטער פון דעם מענטשן וואָס האָט דאָס גליק עפּעס פון דעמצו פאַרפיקסירן, צו פאַראייביקן, צו פאַרשרייבן, לאָמיר זאָגן עס זאָל בלייבן אויך שפּעטער ווען אין לעבן גופא איז עס שוין מער ניט ניטאָ.

דאָ קומען מיר ווידער צו דער פאַרהעלטעניש צווישן תורה (קולטור) שבעל פה און שבכתב. יידישקייט, פאָרמען פון לעבן, געוואוינהייטן און מנהגים האָבן עקסיסטירט א סך פריער פון משהן. געווען שוין דעמאָלט א יידישער שטייגער. גערעכט איז געווען די גמרא וואָס האָט געזאָגט אַז אברהם האָט מקיים געווען די גאַנצע תורה. אין תורת משה איז א גרויסער טייל פון דעם פאַרפיקסירט געוואָרן, ווי געגעבן פון יידישן גאָט.

ביי די פּוסקים און ביים רמבם און אין שולחן ערוך און איצט ביים סוף פון דער תקופה פון שטעטל ווען עס בייט זיך דאָס יידישע לעבן מוז ווי־דער קומען א סומירונג פון דער גאַנצער יידישקייט וואָס ביז אונדז. ביאַליק האָט עס גערופן כינוס, מלך ראַוויטש רעדט וועגן א נייעם „ספר הספרים"; ראַווידאָוויטש שרייבט וועגן „תלמוד השטעטל" און עס איז אַלץ איינס.

אזוי אָרום איז אינטעגראַלע יידישקייט בשום אופן ניט קעגן רעליגיע, חלילה. נאָר זי מערקט אָן א ברייטערע ראָם פאַר רעליגיע. דהיינו — ווידער אמאָל לויט דער אַלטער טראַדיציאָנעלער פאָרמול זאָגט אינטעגראַלע יידיש־קייט: אַלץ וואָס איז יידישקייט (אַנדערשדיק, אייגענטימלעך פאַר יידישע יידן) אַל דאָס איז אונדז הייליק, אַלץ גייט אַריין אין אונדזער גדר פון רע־ליגיע. יאָ, געוויס: פאַראַן אין די פיקסירטע דינים און הלכות זאַכן וואָס קענען איצט אין דער אורבאַנישער תקופה בשום אופן ניט אָפּגעהיט ווערן, זיי פאַלן אָפּ סיי ווי, אפילו ביי דער אָרטאָדאָקסיע. ווערן זיי פאַרביטן מיט

נייע שטייגער־פאָרמען וואָס פריער זיינען זיי גאָר ניט געווען (בר מצווה יום טובים, למשל). וועט מען זאָגן: עס איז אַ רעפאָרעם. קען זיין, אָבער גאָר אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. עס איז אַ צוצענטרישע רעפאָרעם — צו יידישקייט, צו פאָלקישקייט. ניט מיר זוכן ענלעכקייט צו ניטיידישע פאָרמען נאָר פאַרקערט, יידישקייט גאָר די יידישקייט איז די רעליגיע. ניט קיינע טעאָלאָגישע פּראָבלעמען און פּרינציפּן.

אינטעגראַלע יידישקייט און מדינת ישראל

די יידישע מדינה נאָך צוויי טויזנט יאָר גלות אומעטום איז ניט קיין שפּיל אין אַ מדינה מיט אייגענע מיניסטאָרן און אַרמייען, ככל הגויימדיק. עס איז עפּעס אַ סך מער ווי דאָס. ווידער קומט ניט די מדינה איבערצושניידן אונדזער געשיכטלעכן קולטור־המשך. ווי דאָס מיינען אַ סך און צווישן זיי גדולים אפילו. מדינת ישראל מיינט ניט שאַפן אַ נייע יידישקייט אין דער אַלטער היים פון פאָלק, נאָר עס איז, עס מוז זיין און עס וועט זיין דאָס פאַרקערטע: אַן אָרט צו פאַרזיכערן אונדזער המשך. ביאַליק האָט אַמאָל געזאָגט (דברים שבעל פה), אַז מיר קומען קיין ארץ ישראל ניט צו פאַרוואַרפן די קולטור וואָס מיר האָבן געבראַכט מיט זיך, נאָר כדי זי צו פאַרשטאַרקן. נאָך פריער האָט עס געזאָגט די גמרא אויף איר שטייגער: עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבבל שיקבעו בירושלים. ירושלים וועט געבויט ווערן פון דער קולטור וואָס עס האָט זיך געשאַפן אין בבל — אין די גלותן. און עס גייט צו דעם, צי דער אָדער יענער פּירעה וויל עס צי ניט. און די מדינה איז געקומען אַקוראַט אין צייט: אונדזער אורבאַניזם רייסט שטיקער פון יידישקייט. די אַסימילאַציע־גיריקע מאַסע גייט גערן אַוועק פון יידישקייט. צי מען אַסימילירט זיך צי ניט — אָבער מען יידישט זיך אוים בכל אופן. מען לעבט אין אַ ניטיידישער סביבה, מען איז אַריינגעדרונגען אין דער גרויסער מאַשין פון אַלגעמיינעם סאָציאַלן און מלוכהשן לעבן, מען מוז מיטמאַכן דעם אַלגעמיינעם שטייגער. אפילו ביי אַ גוטן ווילן ווערט די אויסיידישונג פון דור צו דור אַלץ שטאַרקער. די יידישע מדינה איז דאָס איינציקע אָרט אין דער גאַנצער וועלט ביי היינטיקן טאָג וואו דאָס לעבן ווערט געפורעמט פון אַ יידישער מערהייט לויט די יידישע נאָרמען און לויט יידישע נאָרמירונגען. נאָר אין דער מדינה דאַרפן יידן זיך ניט צופּאַסן צו פרעמדע נאָרמען און צו פרעמדע פאָרמען. נאָר דאָ קענען יידן היטן זייערע יום טובים און איינשטעלונגען, נאָר אין דער מדינה קענען יידן פּראַקטיצירן יידישקייט, בעת אין דער גאַנצער וועלט מוזן יידן לעבן לויט דעם פרעמדן לוח, לויט די פרעמדע יום טובים און איינשטעלונגען... ניט ווילנדיק פאַרגעסן זיך יידן אין דער וועלט אַז זיי זיינען יידן. עס ווערט דאָך אַלץ שווערער און שווערער

צו זיין א ייד, און אַט די שווערקייט פאָדערט אַלץ גרעסערע אָנשטרענ־גונגען. אָבער וואו נעמט מען זיי וואו, פון וואַנען שעפט מען דעם כוח און מוט צו זיין א ייד? איז אַרום דאָך אַלץ אַנדערש, גוטע יידן, געטרייע יידן מוזן ביסלעכווייז זיך אָפּט פאַרגעסן אַז מען איז יידן. אַז מען לעבט אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנץ לעבן אַלץ אין ניטיידישן שטייגער, ווערט דאָך ביסלעכווייז דער שבת בטל פאַרן זונטיק, און עס ווערט מקוים דאָס „עובדים עבודה זרה בטהרה" — ניט ווילנדיק, הייסט עס. נאָר אין דער מדינה בלייבט יידישקייט נאַטירלעך, צוזאַמען מיט דער גאַנצער סביבה, אָן באַזונדערער אָנשטרענגונג. דאָס איז ביי היינטיקן טאָג די ראָל פון דער מדינה — דאָס ווינקעלע פון נאַטירלעכער יידישקייט.

זיכער קענען זיך געפינען מענטשן וואָס וועלן זאָגן: צוליב נאַטירלעכער יידישקייט, צוליב אַ יידישער סביבה און צוליב יידישע נאָרמען דאַרף מען ניט קיין מדינה. דאָס וואָלטן יידן געקאָנט איינאָרדענען אָן אַרמייען און אָן סכנות פון מלחמות און אָן באַוואָפענונגען אין באַזונדערער יידישע שטעטלעך איז אַלע דעמאָקראַטישע לענדער ווי דאָס טוען טאַקע אייניקע גרופּעס חסידים. וועלן אַנדערע יידן זיך דערשרעקן און שרייען „אַ געטאָ!" מען גייט בויען אַ געטאָ...

איז די זאַך אַזוי: פּרינציפּיעל קען מען האָבן אַ סך טענות קעגן מדינות בכלל אין היינטיקע צייטן. קיין איין גרויסע מדינה קען זיך היינט ניט האַלטן אַליין — ניט מיליטעריש, ניט עקאָנאָמיש און ניט פּאָליטיש, ניט קולטורעל אפילו. אַלע זוכן איצט פאַרבינדונגען, וואָס זאָלן אַרומנעמען עטלעכע מדינות צוזאַמען. צי דאָס זיינען די „געמיינזאַמע מערק" אָדער מיליטערישע אָפּמאַכן, און דאָס זיינען די ערשטע טריט צו דער אַנולירונג פון דער מדינה־אינסטיטוציע בכלל. האָט אונדזער קליינע און שוואַכע מדינהלע אין תוך אַריין פּערשפּעקטיוו אויף אַ הונדערט יאָר בערך. איז דער אויפטו פון דער מדינה דווקא אין איר קולטורעלער און שטייגערישער פּאַרזיכיקייט. די מדינה אונדזערע איז אַרומגערינגלט מיט שונאים, טאַקע אַ שפּעלע צווישן אַ מחנה וועלף. זי איז איינזאַם, קיין פריינד און גוטע פריינד האָט זי ניט; מען צעפּויקט אַמאָל ביי אונדז אַ גוט וואָרט פון עמיצן אַ שישקע, אָבער איידער וואָס און איידער ווען איז שוין פון גוטן וואָרט אָדער פון זיין זאָגער קיין סימן ניט געבליבן. און בכלל האָבן מיר געזען ווי די גאַנצע „גוטע" וועלט האָט שטום און טויב זיך צוגעקוקט צו אונדזער טאָטאַלער פאַרניכטונג. ניט אומזיסט זאָגט עס „טביה דער מילכיקער" „אל תבטחו בנדיבים" איז דער טייטש „ניע וויער סאַבאַקע" (געטרוי ניט קיין הונט).

און בכלל קען היינט קיינער ניט וויסן וואָס עס קען געשען מאָרגן מיט דער און מיט אַנדערע מדינות. דער אויפטו אָבער פון דער קולטור־רעלער און שטייגערישער פּאַרזיכיקייט האָט אַ בלייבנדיקן ווערט. עס וועט

אויך דינען ווי א דוגמא, ווי א מוסטער פאר אנדערע יידן אין דער וועלט: צו בויען, צו שאפן קליינע, גאר קליינע געמיינדעס פון יידן מיט א פאר־זיביקן שטייגער און קולטור. אן מדינה, אן ארמייען און אן די אלע צרות. כל זמן עס וועלן זיין דעמאקראטיעס אויף דער וועלט איז עס מעגלעך און געוואונטשן, אלא וועלן חלילה ניט זיין קיין דעמאקראטיעס, איז דער קיום פון דער מדינה אויך אונטער א גרויסן ספק.

בלייבט נאר די טענה „געטא". עס איז אמת, אז יידן דערשרעקן זיך פאר דעם ווארט, אבער אין דער אמתן איז עס גארניט אזוי שרעקעוודיק ווי מען מיינט. אנגעהויבן האט מען מורא האבן פארן ווארט געטא צו־גלייך מיט דער השכלה זכרונה ניט לברכה. און גענומען שרייען ווייל עס האט דערעסן צו זיין יידן, מען האט בפירוש געבענקט, גענומען בענקען נאך אסימילאציע. ווען דער גרעסטער אידעאל איז געווען „אריינגענומען ווערן אין דער גרויסארטיקער געזעלשאפט פון ניטיידן". אין דעם טאן האבן זיך געבעטן די פאטערס פון השכלה אין דייטשלאנד און אויך אין רוסלאנד (לייב נעוואכאוויטש אין זיין בראשור) „דער וויינעשריי פון יהו־דהס טאכטער". (רוסיש 1802). מיט וואס פאר א גדולה יידן זיינען דאס געגאנגען צו שמד! איין קליניקייט! מען איז ארויס פון געטא!... און מיר האבן שוין געזען און געפילט די גליקן פון דער אסימילאציע־גאולה, אך און וויי. גענוג פאר אונדז. איך וועל זיין ניט ווייט פון אמת ווען איך וועל זאגן, אז מיר בענקען צוריק אין געטא אריין. ווייל געטא מיינט היים. יעדער היים מיינט אפזונדערן זיך, מיינט פארזיכיקייט, מיינט ניט טאנצן אויף פרעמדע חתונות. מדינת ישראל איז אייגנטלעך אונדזער גרויסע, אלוועלטלעכע, פארזיכיקע געטא. און אין דעם איז איר גרעסטע מעלה. היים און לאגער, להבדיל, זיינען ביידע אפגעזונדערטקייט. היים איז א גליק און לאגער איז א קללה, א תפיסה. א פרייוויליקע געטא איז א היים, איז פארזיכיקייט. אין געטא זיינען מיר געווען מיר, מיר האבן געלעבט אונדזער לעבן, געטרויערט איבער אונדזערע ווייטאגן, מיר האבן דארטן ניט נאכ־געמאכט קיינעם. גאנץ איז געווען אונדזער קאלעקטיווער איך פון פאלק. אלץ וואס מיר האבן געשאפן ווערטפולס — אלץ שטאמט פון געטא, פון די פארזיכיקע שטעטלעך.

עס איז שוין דערווידער דאס לעבן א פרעמד לעבן, מיר זיינען מיד און מאט געווארן פון יום טובן די פרעמדע יום טובים און טאנצן אויף פרעמדע חתונות, נאשן פון געבארגטע קולטורן און נאכמאכן פרעמדע אקצענטן. עס איז אונדז געבליבן אונדזער יידישער פרצוף, אפילו ביי די וואס גארן צו האבן א „גוטן" (א ניטיידישן) אויסזען, אבער די אייגע־נע נשמה האבן מיר אין פרעמדן לעבן פארלארן. און מיר קומען צוריק, מיר זוכן פאר זיך געטא, א פארזיכיקע היים, אפגענארטע אויסגעלאכטע און טיף באליידיקטע פון דער „גרויסער" וועלט מיט איר „גרויסער" מאר־ראל, — און גענוג פאר אונדז. גענוג די טראגישע לעקציע וואס מען האט

מיט אונדז געלערנט. מיר האָבן פאַרלאָרן דעם גלויבן אין אַלע דעמאָקראַטיעס. אַלע איזמען האָבן אונדז אָפּגענאַרט, און אויך אַלע דעמאָקראַטיעס. טיף אין הארצן גלייבן מיר שוין ניט אין זיי, זיי זיינען פאַר אונדז טאַקע „ליכטיקע נעכט”, אָבער מיר ווייסן שוין צו גוט אַז ליכטיקע נעכט זיינען קיין מאָל ניט תמיד ליכטיק, אַז זיי ווערן פינצטער, אַז עס איז אַזאַ זייער נאַטור. און מיר ווילן מער ניט לעבן פון זייער חסד, מיר ווילן ניט אונטערפאַרן אויף זייערע וועגענער. די מדינת ישראל איז אַ רעזולטאַט פון אונדזער ווערלן צו זיך, צו זיין ביי זיך, מיט זיך...

מיר ווערלן ניט און ווילן ניט אָפּגעזעגענען זיך מיט דער וועלט, זאָגן איר „אַ גוטע נאַכט וועלט”, מיר ווילן אָבער קומען צו איר ניט ווי באַזונדערע איינציקע יחידים, נאָר ווי אַ גאַנצער אָרגאַניזירטער קאָלעקטיוו. נאָך מער:

די גאַנצע וועלט מאַטערט זיך איצט מיט אַ דילעמע: פעלקער ווילן זיין פאַרזיכיק און דאָך ניט אַליין, ניט קיין באַזונדערע מדינות, אָפּגעטיילט פון אַנאַנד מיט גרעניצן און מיט שטייערן און מיט אַרמייען. די איינציקע לייזונג פאַר אַלע פעלקער פון דער גאָרער וועלט וועט זיין גרעסערע פאַרבאַנדן פון באַזונדערע פעלקער־געטאָס. דאָס איז אונדזער גלויבן, אונדזער אידעאַל.

אַזוי אַרום דאַרף די מדינת ישראל ווערן אַ אינטעגראַלער טייל פון אונדזער אייביקער און אומעטומיקער יידישקייט און יידנטום. און אַזוי וועט עס ווערן מיט דער צייט. אויב אונדזער מדינה שפּילט זיך נאָך אָפּט אין „גרויספּאָליטיק, און מען פראַוועט פאַראַדן ככל הגויימדיק, און מען נעמט זיך אָן מיט אַ מינע פון גרויסקייט לגבי די גלות־יידן, — איז דאָס ניט מער ווי אַ לייכטע קינדער־קראַנקייט און קינדער־אַנשטעל. עס וועט איבערגיין.

אינטעגראַלע יידישקייט אין פּראַקטישן לעבן

יעדער גלויבן מוז זיך אויסדריקן אין מעשים, אין פירונגען, הלכה למעשה. יעדער אידעאַל, יעדער גלויבן וואָס האַלט זיך נאָר אויף רייד, אָן מעשים; יעדער „ריינער גלויבן”, וואָס נאָך אַזאַ האָבן געבענקט די משכילים, מוז זיך אויסוועפּן, מוז גיין פאַרלאָרן. מיר האָבן שוין געזען אין יידישן לעבן די לעצטע יאָרצענדליקער אַ סך יידישע גלויבנס וואָס זיינען געבליבן נאָר פראַזעס. אינטעגראַלע יידישקייט איז מחייב צו מעשים, צו אַ שטייגער לעבן און פירונג. ווערלן מיר איצט איבערגיין צו דעם. יעדער ייד און אַ פשיטא שוין אַ אינטעגראַלער ייד מוז אָפּהיטן אַ גאַנצע ריי שטייגער־פירונגען, מצוות, און אָפּהיטן אַזוי ווי אַ פרומער יידן היט אָפּ די מצוות פון שולחן ערוך און לויט אונדזער אייביקער טראַדיציע וועל איך טאַקע

נוצן די אויסדרוקן מצוות און עבירות. אויף דעם ערשטן ארט שטעל איך די מצוות יידיש לשון. איך וועל נאָר אין קורצן באַגרינדן. ניט יידיש לשון שליסט אויס, חלילה, העברעאיש־לשון, בשום אופן נישט. נאָר אַזוי איז דער גאַנג אין לעבן. פאַראַן שפּראַכן וואָס מען רעדט זיי, און פאַראַן שפּראַכן וואָס מען לעבט אין זיי. פאָלק איז אַ קייט און דורות (מרדכי קאַפּלאַן), אָן יידיש לשון איז איבערגעריסן די קייט און נישטאָ מער קיין גאַנצקייט פון פאָלק. מיט דעם לשון און אין דעם לשון האָט דאָס יידישע פאָלק געלעבט און געשאַפן גאַנצע טויזנט יאָר. פריער האָט דאָס יידישע פאָלק געלעבט אין אַראַמיש און נאָך פריער — אין העברעאיש' אַלע דריי שפּראַכן זיינען ביי אונדז געבליבן. זייער סימן מובהק איז דער איינציקער און זעלביקער יידישער אלף בית. און אַזוי זיינען פאַרטיילט די ראָלן פון די דריי שפּראַכן אין יידישן לעבן: יידיש איז די שפּראַך פון פאָלקס לעבן, דאָס איז די שפּראַך פון יידישקייט שבעל פה. די צווייטע מדרגה — די שפּראַך פון דער אייביקער קולטור אונדזערער איז העברעאיש. דאָס יידיש שבעל פה איז נאָך ניט אויסגעשעפּט אין בכתב. העברעאיש האָבן מיר טאַקע נאָר בכתב דאָס איז דאָס לשון הקודש. די שפּראַך פון הייליקייט. לויט אונדזער אויסטייטש — דאָס לשון פון אַלע אונדזערע שאַפונגען וואָס זיינען פאַר־הייליקט געוואָרן. דאָס העברעאיש וואָס מען רעדט איצט, דאָס עברית חדשה אָן די מקורים וואָס פון זיי שטאַמט עס, איז קולטורלאָז, האָט ניט קיין וואָרצלען, האָט ניט קיין קדושת הדורות, און עס רייסט איבער די קייט פון דורות, ניט עס פאַרבינדט. און אַזוי גייען טאַקע די מדרגות פון די שפּראַכן: יידיש — די שפּראַך פון לעבן דאַרף קומען די ערשטע. איינגע־וואקסן אין לעבן פון פאָלק, דאַרף דער ייד נעמען זיך פאַרטיפן אין דער דער פריערדיקער קולטור פון פאָלק וואָס איז אָנגעזאַמלט אין לשון הקודש. און ניט איבערזעצן דאַרף מען עס נאָר לערנען צוזאַמען — דעם אינהאַלט מיט דער שפּראַך צוזאַמען. ערשט די וואָס פאַרטיפן זיך אין טיפענישן פון ים התלמוד און דער יידישער מיסטיק וועלן במילא קומען צו אַראַמיש. אין כלל — קיין שפּראַכן לערנען מיר ניט באַזונדער, אָן די קולטורן. ניט דעם קנקן נאָר דעם מה שיש בו צוזאַמען מיט דעם קנקן. מיט דער שפּראַך. און אַזוי איז דער סדר פון די לשונות — יידיש דאַרף מעןריידן, העברע־אישע שפּראַך מיט דער קולטור.

און יידישקייט הייבט זיך אָן אין דער היים. דאָס לשון פון אַ יידישער היים איז יידיש. מיט דער וועלט, אין דער אַרבעט, אין געשעפט איז „שמע" און רייד בכל לשון. אָבער אין דער היים, אין דער משפּחה איז די שפּראַך יידיש. און נאָך אַ כלל: אַ ייד צו אַ יידן אין יידיש. דאָס איז די מצוות יידיש לשון.

די צווייטע מצווה — די יידישע היים דאַרף זיין קענטיק אפילו ווען מען רעדט ניט. עס דאַרפן זיין יידישע בילדער, יידישע שפּילפּלאַטן און וועל כולם דאַרף די היים זיין אַ היים ניט נאָר פאַר יידן נאָר פאַר יידישע

ספרים, און ספרים און ביכער איז דאָס זעלביקע. עס מעג זיין אַ מזוזה און עס מעגן זיין אַנדערע קונסטווערק פון אַלטיידישקייט. יידישע צירונג און קונסטזאַכן.

און ספרים דאַרף מען לערנען. עס דאַרף יעדער משפחה האָבן באַ־שטימטע צייט ווען מען פאַרברענגט ביי אַ יידיש ספר, צוזאַמען — די גאַנצע משפחה. עס מעג זיין געציילטע מינוטן צי פאַרן עסן מיטאָג צי אין אָוונט, אָבער עס דאַרף זיין אַ מינהג, אַ שטענדיקייט, אַ חוק. צי עס איז אַ קאַ־פּיטל תהלים, צי לייוויקס, אָדער ביאַליקס אַ ליד, אָדער עפּעס אַנדערש, אָבער עפּעס, וואָס רייסט אָפּ פון דער טאָג־טעגלעכער וואָכעדיקייט און פירט אַריבער די משפחה אין אַ העכערער וועלט פון גייסט. עס איז תמיד אמת דער מאמר אַז שלושה שאכלו ואין ביניהם דברי תורה איז עס אַ טויט עסן.

עס דאַרף אָפּגעהיט ווערן דער מנהג פון קובע עתים לתורה: אין באַ־שטימטע אָוונטן, אין באַשטימטע צייטן קומען זיך צונויף פריינד און נאָענטע מענטשן צו לערנען בחברותא עפּעס אַ ספר. און תורה, און ספר נע־מען מיר ווי געזאָגט אין ברייטערן זינען.

עס מעגן זיין וויניקער זיצונגען און אונטערנעמונגען, און מער צייט צום לערנען. יידישקייט אַז ניט קיין ענין פאַר קאָנצערטן בלויז.

אַ גרויסע עבירה זיינען קאָרטן אין אַ יידישער שטוב. און די שטראָף פאַר דער עבירה פאַרזאַמט ניט צו קומען: דער פּראָצענט יוגנטלעכע פאַר־ברעכער און סתם צעלאָזענע קינדער וועט אַלע מאָל זיין ביי קאָרטן־שפּי־לער גרעסער ווי אין היימען אָן קאָרטן.

אין אַ יידישער שטוב מוז דער יידישער שבת און יום טוב אָפּגעצייכנט ווערן, עס מוז אין דער היים זיין אַנדערש, יום טובדיקער, שענער. איך וויל ניט דאָ אָנמערקן דווקא וואָס עס זאָל זיין, אָבער אַנדערש דאַרף זיין. און פאַרוואָס טאַקע ניט ליכט? און ספּעציעלע עסנס. אַלץ אַן איינגעשטעל־טער מנהג, וואָס ציט זיך און וואָס מען לעבט זיך איין מיט דעם. מען שטעלט זיך ביי אונדז ניט פאָר ווי גרויס עס איז השפּעה פון די היים־עלע־מענטן אויף די קינדער אויף זייער גאַנץ לעבן.

מען לאַכט ביי אונדזערע וועלטלעכע פון יידישע עסנס: „קיך־יידיש־קייט" לאַכט מען. דאָס איז אַ רעשטל פון יענע אסימילאַציע־טענדענצן וואָס פון מצה פלעגט מען אָפּלאַכן און אַ גוישער פּאסכא־קוכן איז געווען אַ סימן פון פּראָגרעס. איך גיי דאָ ניט היימען פירן דווקא כשרות. איך מיין אָבער יידיש עסן בכלל, טראַדיציאָנעלע יידישע קיך, ווי „די באבע פלעגט זיך נוהג זיין". פאַר דעם אָפּהיטן די „קייט פון דורות" איז די יידישע קיך אפשר וויכטיקער ווי אַ סך לערנען... דאָס איז די יידישקייט פון דער היים.

אויף דעם באַזיס קומט צו יידיש געזעלשאַפטלעך לעבן; צדקה — און דווקא דורך די היימען כדי די קינדער זאָלן זען און זיך איינלעבן מיט דעם.

שעדלעך ביז גאָר איז דאָס געוויינלעכע ביי אונדז יידישקייט אויף פאַרזאַמ־לונגען און גוייִשקייט ביז גאָר אין די היימען. און „ותלמוד תורה כנגד כולם" — דער אַלטער יידישער כלל צו לערנען און דערציען קינדער אין יידישקייט. אַ יידישע שול אָן אַ יידישער היים ברענגט גאָר ווייניק. אָבער אויף דער באַזע פון יידישקייט אין דער היים איז יידישע דערציאונג גאָר און גאָר וויכטיק. וויכטיק און ווירקנדיק אויף אַ גאַנץ לעבן.

דערציאונג באַשטייט פון צוויי עלעמענטן — פּראַקטישע יידישקייט, אין שטוב, אין בית מדרש און אין שול; טעאָרעטישע — אין שול. די ערשטע איז וויכטיקער פון דער צווייטער. זי מוז אָבער קומען אומבאַדינגט צוזאַמען מיט דער טעאָריע. עס מוזן געשאַפן ווערן באַשטימטע קאַריע־רעס וואָס צו זיי קען מען קומען דורך יידישער בילדונג. אַרום און אַרום איז לערנען באַשטימט נאָר לשם קאַריער. ניטאָ אין אַמעריקע קיין לערנען לשמה, מוז עס זיין אויך ביי אונדז אַ צופּאַסונג צו דער סביבה. די איינ־ציקע פּראָפעסיע וואָס איז פאַרבונדן מיט יידיש־יידישער בילדונג איז לע־רעריי, — און דאָס איז אַ זאַך וואָס ציט ניט קיין מענטשן אָבער אויב עס וועלן זיין גרופּעס דערוואַקסענע צו לערנען, אויב אין דער סביבה וועט זיין אַן אַטמאָספער פון יידישן וויסן, — וועט שוין במילא זיך שאַפן אַן אַרט פאַר אָנפירער, במקום רבנים און ראַבאַיס.

אינטעגראַלע יידישקייט זאָגט זיך אויך ניט אָפּ פון בית מדרש, פון אַ סינאַגאָג. זיי דאַרפן אָבער זיך אומקערן צו זייער ערשטיקן כאַראַקטער: בית מדרש מיינט אין תוך אַריין אַ הויז צום לערנען, צו שטודירן, אַליין און בחברותא. אין בית מדרש איז דאַווענען אַ ענין פון צווייטן ראַנג. אַ שול, אַ בית כנס איז אַ פאַרזאַמלונג הויז. דאָ קומען פאַר מנינים און טאָ־קע אויך תפילות, קאָנצערטן, רעפעראַטן וכדומה. די תפילות וואָס זיינען קאָנאָניזירט זיינען אָפּט ווייט פון צו זיין פּאָעטיש, פאַרעלטערט. פאַרקערט, זיינען פאַראַן פיל זאַכן וואָס פעלן אין אונדזער מחזור און סידור.

פונקט ווי די יידן האָבן אַריינגעשטעלט אין דאַווענען תפילות און גע־זאַנגען אין זייער אַמאָליקן יידיש אַראַמיש) אַזוי דאַרפן מיר אויך איצט אַריינגעבן געזאַנגען אויף יידיש.

די יידישע יום טובים זיינען פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון פאָלק. בעת די יום טובים ביי אונדזערע שכנים זיינען פאַרבונדן מיט דער ביאָגראַפיע פון זייער גאָט, אָדער ריכטיקער פון גאָטס זון. זיי האָבן געגנו־מען אייגנטלעך אונדזערע יום טובים און זיי איבערגעמאַכט. אָבער, פאַר אונדז איז וויכטיק דער נאַציאָנאַל־היסטאָרישער כאַראַקטער פון אַלע יידי־שע יום טובים. אין דעם אינהאַלט פון יעדער יום טוב שפּיגלען זיך אָפּ טאַקע די תקופות פון יידישער געשיכטע. פּסח, למשל, האָט עלעמענטן פון דער נאָמאַדן־תקופה (בכורים תענית), ער האָט ווידער עלעמענטן פון לאַנד־ווירטשאַפטלעכער תקופה (מצה, עומר) און שפּעטער האָט אים די תורה פאַרבונדן מיט יציאת מצרים. אין דער הגדה זיינען פאַראַן קענטיקע שפּורן

פון דעם גרייטן זיך צום רעוואָלט קעגן רוים. און ווייטער האָט יעדער תקופה צוגעגעבן עפּעס אירס. און אַזוי ביז היינט, ביז די סדרים אין ארץ ישראלדיקע קבוצות און קיבוצים. זיי פאַרבינדן דעם זעלביקן יום טוב מיט זייער היינטיקער צייט און מיט זייערע אַקטועלע פּראָבלעמען. און אַזוי אויך אַנדערע יום טובים. אונדזערע יום טובים און אַנדערע געדענקטעג זיינען אַן איבערחזרונג פון אונדזער געשיכטע אין פּראַקטישן לעבן. ווי־דער אַמאָל האָט דאָ געגאַלטן ביי אונדז דער פּרינציפּ פון אַקטואַליזאַציע. ווי אין לערנען אַזוי אויך אין לעבן. און אַזוי אויך מיר איצט. מיר דאַרפן אַריינגעמען אין אונדזערע יום טובים אַלעמענטן פון אונדזער היינט און זיי פאַרקניפּן מיט דעם אינהאַלט פון פריער.

דאָס אַלץ זעען מיר ניט ווי אַ רעוואָלוציע אין יידישקייט, נאָר ווי אַ נאָרמאַלע עוואָלוציע.

IMPRENTA MODERNA.—Manuel Pintel.—Dr. Garciadiego No. 28.—México 7, D. F.